STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04809

DER VINTSH-KONTSERT

Stanislaw Wygodzki

Permanent preservation of this book was made possible
by Esther H. Levine
in memory of
her beloved parents, Mary & Harry Sclar (Sclarinski)

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קליינע ביבליאטעק № 7

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי

דער ווינטש־קאָנצערט

צום חבר
יאני סאל
מיט א הארציקן גרוס
סט. וויגאדזקי
ווארשע, 3. II. 1961.

פאַרלאַג: יידיש בוך ווארשע

1960

№ 7 *Mała Biblioteka*

STANISŁAW WYGODZKI

koncert życzeń

איבערזעצט פון פויליש: ד. ספארד

z polskiego przełożył:
D. SFARD

Wyd. „Idisz-Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 4.000 egz. Druk. ukończono w kwietniu 1960 r. Ark. druk. 4,5. Ark. Wyd. — 2. Papier sat. III kl. 80 gr. 61x86.

Druk. RSW „Prasa", Warszawa. Tarczyńska 8, Zam. 522 — C-77.

פיין, נישט אמת? איר האָט געהערט וואָס פאַר אַ שטיק מען האָט זיי אויפגעשפּילט? ווי מען האָט זיי אויפגערופן? „דעם טייערן זיידן ווינטשן הונדערט יאָר די זין, די טעכטער, די אייניקלעך און די אוראייניקלעך...״ פיין, נישט אמת? די טעכטער, די אייניקלעך און די אוראייניקלעך... איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט מיר ווייזן כאָטש איין ייד, וועלכער וואָלט געקאָנט זאָגן וועגן זיך, אַז ס׳זענען אים פאַרבליבן די זין, די טעכטער, און ביי די טעכטער — די קינדער, און ביי די קינדער — זייערע קינדער, אָדער די דאָזיקע אוראייניקלעך.

מיר איז שווער צו רעדן וועגן דעם. ווי נאָר איך הייב אָן דערציילן, גיט גלייך אַ שפּרונג דער בלוטדרוק אין קאָפּ פון הונדערט פערציק אויף הונדערט זיבעציק, און אויסער דעם לייד איך נאָך אויף אַ צוקער־קרענק. איך האָב אפילו נישט געוווסט, אַז איך האָב אַזאַ קרענק. מיט אַ וועלכע ס׳איז צוויי יאָר צוריק איז מיר אַ שטיק אייזן אַראָפּגעפאַלן אויף דעם פוס און די וווּנד האָט זיך לאַנג נישט געוואָלט פאַרהיילן. מען האָט מיר געגעבן פעניצילין און פאַרשידענע אַנדערע אַזעלכע שמירעכצן, אָבער ס׳האָט גאָרנישט גע־

האַלפּן. דער קסיאַנדז האָט מיר געבראַכט אַזאַ מין זאַלב פון אויסלאַנד, נאָר די ווונד האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, נישט געוואָלט זיך פאַרמאַכן. וועלכער קסיאַנדז? אויב איר ווייסט נישט, וועל איך אייך דער־ציילן, נאָר איצט האַלטן מיר ביי דער, ווונד, וועלכע האָט זיך נישט געוואָלט היילן. מען האָט מיר גענו־מען בלוט. וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? אַ צוקער־קרענק. איר קענט תלמוד? דאָרט שטייט געשריבן: „א ברי פאַר א ברי, אַ געשווילעכץ פאַר אַ געשווי־לעכץ, אַ מכה פאַר אַ מכה", אָבער ווי איז דאָס גע־זאָגט געוואָרן וועגן אַ צוקער־קרענק? איך האָב עס אין ערגעץ נישט געטראָפן.

אַזוי בין איך אַ רואיקער מענטש און ס'איז שווער מיך אַרויסצופירן פון די כלים, נאָר אַז עס טוט אײַן מיר אַ קאָך, אַזוי גיט מיר דאָס בלוט גלייך אַ זעץ אין קאָפּ אַריין. מיט צוויי יאָר צוריק — יאָ, עס וועט שוין זיכער זיין אַ צוויי יאָר — האָב איך געהאַט אַזאַ בלוט־אויסגוס, אַז איך האָב געטראַכט, שוין, ס'איז נאָך מיר, נאָר צום גליק האָט מען מיך אָפּגעראַטעוועט. די דאָקטוירים האָבן מיר אָפּגעצויגן בלוט, גאַנצע צוויי שפּריצערס, צו צוואַנציק קובישע צענטימעטער, און דאָס האָט געהאָלפן. אָבער פון יענער צייט פיל איך מיך אַלץ ערגער.

איר האָט אַ שמייכל געטאָן, ווען איך האָב געזאָגט, אַז „צום גליק האָט מען מיך אָפּגעראַטעוועט". איך פאַרשטיי. וואָרום וואָס פאַר אַ גליק איז דאָס צו זיין

אָפּגעראַטעוועט? אַ מענטש איז ווי אַ קאַרטאָטעקע: אַלץ איז אין אָרדענונג אַזוי לאַנג, ווי לאַנג מע צעמישט נישט די זייטלעך, אָבער ווי נאָר מע צעמישט זיי, מעג שוין אַלץ זיין אָנגעשריבן ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז שוין קיין שום זאַך נישט אין אָרדענונג, ווייל קיין שום זאַך געפינט זיך נישט אויף זיין אָרט. אָבער דאָס איז נאָך אַ האַלבע צרה, ערגער איז, אַז מע פאַר־ברענט זיי, ווי מענטשן, אָדער אַז מע באַגראָבט זיי. איר האָט געלערנט תלמוד? דאָרט שטייט געשריבן: „און מען האָט זיי גענומען און מען האָט זיי צעבראָקט מיט דער שאַרף פון דער שווערד און זייער קעניג און אַלע זייערע שטעט און נישט איבערגעלאָזט צווישן זיי קיין איין לעבעדיקע נשמה״...

געוועזן זענען מיר פיר און פערציק. דאָס רוף איך אייך נישט אָן עפּעס סתם אַ ציפער, עס זאָל לכתחילה אויסזען ווי מיט אַ כיוון אָדער ווי אַ געהיימניש. מיין טעכטערל, ווען זי איז צוריקגעקומען פון דער שול, פלעגט זיך איינחזרן אַזעלכע מינים פּאָעזיעס און פלעגט אָפט זאָגן: „און זיין נאָמען איז געווען פיר און פערציק״. נאָר דאָס איז פאַרגעקומען שוין לאַנג, פאַר דעם ניין און דרייסיקסטן יאָר. אָבער, אַ פאַקט: אַזוי פיל זענען מיר געבליבן, און איבערגעלאָזט האָט מען אונדז דערפאַר, ווייל מיר זענען געווען שטאַרק, וווקסיק און געקאָנט אויספירן די אַרבעטן. אַזוי איז עס. ווייל איר דאַרפט וויסן, אַז אין אָנפאַנגס האָט מען אפילו נישט צעשאָסן. די גייסטיק קראַנקע אין „זאַפּיוווקע״ האָט

מען פשוט פֿאַרהונגערט צום טויט, מען האָט זיי גאָרנישט געגעבן צום עסן און אַלע זענען אויסגעשטאָרבן, איינער נאָך דעם אַנדערן, און מיר האָבן אַרויסגעטראָגן די מתים. און די קינדער, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין דער סאַנאַטאָריע „בריאות״, האָט מען מיט אַ האַמער צעקלאַפּט די קעפּלעך. איר ווילט נישט, איך זאָל אייך דערציילן, ווי זיי האָבן דאָס געמאַכט, איז נישט. מען האָט דאָס קינד אַוועקגעלייגט אויף דער ערד... נישט, איז נישט. בלויז די עלטערע האָט מען צעשאָסן.

די ערשטע עקזעקוציע איז פֿאָרגעקומען אין די לעצטע טעג פֿון סעפּטעמבער, ביי אַ בעטאָן־וואַנט. געווען זענען זיי הונדערט צוויי און זעכציק, און געשאָסן האָט מען אין זיי אין דעם הינטערשטן טייל פֿון קאָפּ, פֿון דער נאָענט, מיט אויפֿרייס־קוילן. אויפֿרייס־קוילן? און דום־דום־קוילן, ווייסט איר וואָס דאָס איז? יאָ! זי מאַכט נישט קיין לאָך, זי צעברעקלט דעם קאָפּ צעררייסט אים אויף קליינע שטיקלעך, למשל די געהירן: פֿון אַזאַ קויל זענען זיי געוואָרן צעשפּריצט און זיך צוגעקלעפּט צו דער בעטאָן־וואַנט צוזאַמען מיט שטיקלעך פֿון שאַרבן, די גרעסערעביינדלעך זענען פֿון דער וואַנט אָפּגעפֿאַלן, נאָר די קלענערע, די שפּיציקע ברעקלעך, זענען צוזאַמען מיט שטיקלעך פֿון מאַרך געבליבן פֿאַרשטאָכן אין דער וואַנט. און אונדז, די פֿיר און פֿערציק, האָט מען באַפֿוילן נאָך דער עקזעקוציע צו באַגראָבן די דערמאָרדעטע, און

דערנאָך אָפּרייניקן די דאָזיקע בעטאָן־וואַנט.

דאָס איז געמאַכט געוואָרן אויף אַזאַ אופֿן. איר הערט וואָס פֿאַר אַ שיין שטיק מע שפּילט איצט? וואָס, נישט קיין שיין? מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אין אַ ריי איינעם נעבן אַנדערן מיטן פּנים צו דער וואַנט און יעדער איינער האָט געמוזט אויסלעקן מיט דער צונג דאָס, וואָס איז פֿאַרבליבן אויף דער וואַנט, צענטימעטער נאָך צענטימעטער. הינטער אונדזערע פּלייצעס זענען געשטאַנען די ס.ס.־לייט מיט גומע־שטעקנס אין די לאַפּעס און זיך נאָר צוגעקוקט ווער פֿון אונדז וועט אויסשפּייען אויף דער ערד דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעלעקט פֿון דער וואַנט. עס איז נישט געווען דערלויבט. מען האָט באַדאַרפֿט אַראָפּשלונגען, און מיר האָבן אַראָפּגעשלונגען — שטיקלעך געהירן, ברעקלעך ביינער. צום גליק זענען דאָס געווען גאָר קליינינקע ביינדלעך, ווייל די גרעסערע האָבן זיך נישט געהאַלטן און אַראָפּגעפֿאַלן. און אויב ווער פֿון אונדז האָט פֿאַרגעסן און אויסגעשפּיגן, האָט ער גלייך מיט דעם גומי־שטעקן באַקומען איבערן קאָפּ. מיר האָבן די קלעפּ אפֿילו נישט געפֿילט, יעדער איינער האָט געזען די וועלט, ווי דורך אַ נעפּל, אַ וואַקלדיקע און צעשוווּמענע, און איבערן קאַרק איז געפֿלאָסן דאָס וואַרעמע בלוט און אויסגעווייקט דאָס העמד.

מיר איז שווער וועגן דעם צו רעדן, עס דערמאַנט זיך גלייך אין אַלץ, איז צו וואָס טאַקע זאָל איך אייך דאָס דערציילן? זאָגט אַליין, צו וואָס? יעדער איינער

האָט דאָך זיין פּעקל, איר האָט אויך זיכער אייערס, ווער האָט עס דען נישט זיין פּעקל, וואָס ער מוז שלעפּן? נאָר ווען מען זעט דאָס נישט און מע ווייסט דערפון בלויז פון דערציילן, קוקט עס אויס גאָר אַנדערש. דערפאַר טרעפט זיך, אַז אייניקע פאַרשטייען דאָס נישט. געווען איין מאָל ביי מיר אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, איך זאָל אים דערציילן, האָב איך אים דערציילט, אָבער וואָס האָט ער דערפון פאַרשטאַנען? גאָרנישט! ווייל ווי האָט ער געקאָנט פאַרשטיין, אַז דעמלט, ווען איך האָב אָפּגעלעקט פון דער בעטאָנוואַנט דעם מוח און דאָס בלוט פון מיין צעשאָסענעם טאַטן, האָט ער זיך אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק און געטראַכט וועגן דעם, וואָס אָנצושרייבן פאַר דער מאָרגנדיקער צייטונג? און צי האָט עמעצער פון אונדז דעמלט געטראַכט, וואָס מאָרגן וועט זיין? איך זאָג, חס וחלילה, קיין שום שלעכטס נישט וועגן דעם זשורנאַליסט, ער איז זיכער אַן אָרנטלעכער מענטש. ער האָט מיר דערציילט, אַז ווען דער מאַיאָר מאַליק איז געקומען קיין אַמעריקע און מען האָט אים, דעם זשורנאַליסט, פאַרבעטן, ער זאָל קומען הערן וואָס דער דאָזיקער מאַליק דערציילט, איז ער נישט געגאַנגען פאַרוואָס? ווייל ער האַלט נישט פון אַזעלכע געסט, וועלכע האָבן דאָ, ביי אונדז, אָנגעבראָכט פיל שלעכטע זאַכן און דערנאָך געמאַכט אַ ויברח, כדי צו באַרעדן פוילן. צי איך האָב אים געקענט? דעם מאַיאָר? האָט געדולד. ווי שטייט אין תלמוד: „ווער עס

האָט געדולד צו וואַרטן, דער "דערוואַרט זיך". איז הערט.

פון פאַך בין איך אַ מילכיקער. איר לאַכט? איך איז אוודאי געקומען אויפן רעיון דער מילכיקער פון שלום־עליכמס ביכל. איר זעט? איך האָב עס גלייך פאַרשטאַנען. און איך וואָלט זיכער ניחא געווען איך זאָל הייסן טוביה, ווי יענער מילכיקער. אָבער גראַד, ניין. איך הייס הערש פנחס, העניעק האָט מען מיך גערופן, דאָס איז, ערשטנס. און צווייטנס, איז יענער טוביה דער מילכיקער געווען אַ קבצן, אַן אביון אַ לאַפּיטוטניק, און איך האָב געהאַט אַ פירמע, מיט אַ שטעמפּל. דאָס האָב איך פאַרזאָרגט מיט מילך, צוואָרעכץ, קעז און אַנדערע מינים מילכוואַרג די גאַנצע „ליגיע", אַלע פּענסיאָנאַטן, איינפאַר־הייזער, האָטעלן און ווילעס, וועלכע שטעלן פאָר מיט זיך היינט דעם פאָנד פון מלוכהשע אָפּרו־ערטער. איר קאָנט פרעגן, מיך קען מען דאָ. אָבער איך ווייס עפּעס מער, ווי בלויז וועגן פּוטער און קעז. מיין קעז איז געווען אַזאַ, אַז ער האָט זיך געשמירט ווי פּוטער. אייגנטלעך, בין איך גאָר אַן ערד־אַרבעטער, איך האָב צייגנישן. איר ווילט? קאָן איך זיי אייך ווייזן. איר ווילט נישט, איז נישט.

אָ, וואָס פאַר אַ שיין שטיק, איר הערט? איר האָט נישט געהערט פאַר וועמען דאָס איז אויפגעשפּילט? מיך אינטערעסירט עס זייער, איך זוך אַ שיין שטיקעלע נגינה. פאַר וועמען? איך וועל אייך זאָגן.

פון פיר טויזנט ליטער מילך זענען צוויי טויזנט געגאַנגען אויף פּאַרקויף און צוויי טויזנט אויף איבער־אַרבעטן. נאָר איצט וואָלט איך שוין נישט געוואָלט אַרבעטן אין דעם פאַך. צי האָט איר אַ באַגריף, וויפל עס גייט אַוועק אויף לינקס? וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אויב עס אַרבעטן היינט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו אַ צען פּרויען, און יעדע איינע פון זיי טראָגט אַרויס טעגלעך אַ ביסל פּוטער, צי שטעלט איר זיך פאָר, וואָס פאַר אַ מאַנקאָ עס באַקומט זיך יעדן חודש? באַרעכנט. און ווי טראָגן זיי דאָס אַרויס! אין די מייטקעס, אין די ביוסטהאַלטערס! איך ווייס, יעדע פון זיי ברענגט מיט זיך אַ בולקע, נעכאַי וואָלט זי צו דער בולקע אויסגע־טרונקען אַ האַלבן ליטער מילך, לאָמיר זאָגן, אַ ליטער מילך, אָבער אַזוי? נאָר צוואָס רעדן וועגן די פרויען? צי ווייסט איר וויפל דער לייטער פון קאָאָפּעראַטיוו האָט אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין דער קעשענע? אויף צען יאָר תפיסה.

איך וואָלט נישט געקאָנט איינהיטן און איך פאַר־שטיי נישט, ווי זיי מאַכן דאָס. אַלע טאָג ווערט גע־ציילט, גערעכנט, קאָנטראָלירט, ווערן אויסגעפילט פאַרשידענע בויגנס און רשימות און צום סוף פעלט. נאָר לאָמיר דאָס לאָזן צורו, נישט וועגן דעם האָב איך געוואָלט מיט אייך שמועסן.

איך משך פון צוואַנציק חדשים בין איך געווען אויסבאַהאַלטן אין אַ קאַפּלאָווע אויוון. איר קענט אים אָנקוקן, ער שטייט נאָך אויף דער דעמבאָווע גאַס נו־

מער 17, וווינונג 6. ביז היינט שטייט ער נאָך, דרייצן קאַפּליעס די הויך, נישט די ווינער ברייטע קאַפּליעס, נאָר די פּוילישע, דריי און אַ האַלבע קאַפּליע די ברייט און צוויי און אַ האַלבע די טיף, אָפּגערוקט פון דער וואַנט. איר וווּנדערט זיך, ווי אַזאַ ריזיקער מאַנספּער־שוין ווי איך האָט זיך געקאָנט אָן עצה געבן אין אַזאַ אויוון? פון דער מיט האָב איך אַרויסגענומען אַלע לופטן, אַ טייל פון פונדאַמענט, און אַריינגעגאַנגען בין איך דורך אויבן, וווּ ס׳האָט זיך צוגעמאַכט מיט אַ צו־דעק. ווען עמעצער זאָל האָבן געעפנט די טירלעך און אַריינגעקוקט אין דער מיט, וואָלט ער גאָרנישט באַ־מערקט, ווייל די פיס האָבן זיך געפונען צווישן דעם רושט און דער וואַנט פון אויוון. דעמלט האָט דאָס גע־זונט מיר נאָך געדינט, נישט דאָס וואָס היינט, איצט איז דאָס לעבן פאַר מיר געוואָרן אַ גיהנום. ווי נאָר איך האָב באַקומען אַ קליינע פאַרגיפטונג אין איין פוס, האָט זיך עס מיר גלייך איבערגעוואָרפן אין דעם צוויי־טן... אין דעם אויוון בין איך געזיצן צונויפגעדרייט אַ גאַנצן טאָג, ווייל מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, ווער עס וועט אַריינפאַלן אין דער וווינונג. פופ־ציק מעטער פון אונדז האָט זיך געפונען די זשאַנ־דאַרמעריע, און פון אונטן, אין פאַרטער, האָבן גע־וווינט צוויי פאָלקס־דייטשן. ביינאַכט פלעג איך אַרויס־גיין פון אויוון, טיילמאָל אויך בייטאָג, ווען די אייגנ־טימערין פון דער וווינונג איז אַוועק צו דער אַרבעט. די גאַנצע צייט האָב איך נישט געטראָגן קיין שיך און

אַרומגעגאַנגען בלויז אין די סקאַרפּעטן, מע זאָל גאָר־נישט הערן פון אונטן. אין דעם אויוון האָב איך זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן אויך דערפאַר, ווייל איך וואָלט פאַרשטאָפּט די רער, וועלכע איז געווען אַרייַנ־געלאָזט אין קוימען און איך וואָלט נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען: איך האָב זיך געמוזט אַזוי צונויפ־דרייען, כדי נישט צו פאַרשטאָפּן מיט זיך די רער. און אָפּט זיצנדיק אַזוי אינעווייניק, האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט: אוי, הערש פּנחס, שיינע צייטן געקומען אויף דיר, ווען דו קענסט לעבן בלויז אין אויוון, אין דער זעלבער צייט, ווען אַנדערע יידן פליען דורך דעם אויוון גלייך אין הימל אַריין.

דעמלט בין איך געווען יינגער און געזונטער, נישט דאָס, וואָס היינט. היינט איז מיר שוין 65 יאָר, און אין דער אמתן 650 יאָר. אַזוי איז עס, 650. נאָך דעם, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, דאַרף מען אַזוי רעכענען די יאָרן, צען מאָל אַזוי פיל. דאָס איז געווען אַזאַ לעבן אין גיהנום.

פון די דאָזיקע פיר און פערציק בין איך געבליבן בלויז איינער, איין און איינציקער, ווי דער דאָזיקער ערשטער מענטש אויף דער ערד. איר האָט אַמאָל גע־לערנט תלמוד? דאָרט שטייט געשריבן, אַז אדם הראשון איידער ער האָט זיך באַקענט מיט חוהן האָט נישט געהאַט קיינעם, נישט קיין גואל, נישט קיין קרוב. און איר ווייסט אַדאַנק וועמען איך בין איבער־געבליבן? אַדאַנק מיין פרוי און די קינדער, זכרונם

לברכה. ווען מען האָט זיי, דאָס הייסט מיין פרוי, מיין זון און מיין טאָכטער, פאַרנומען און געיאָגט אין די וואַגאָנען אויף אויסזידלונג, האָט מיין אסתר מיר אָנ־געשריבן אַ צעטעלע און אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן. מיין טאָכטער האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן, נאָר איך ווייס נישט וווהין. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז זי איז געווען אין דייטשלאַנד, אָבער ווען זי וואָלט גע־לעבט, וואָלט זי זיך אָפּגערופן, נישט אמת? וואָלט יעדנפאַלס אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער. און דער זון האָט געזאָגט צו דער מאַמען: איך וויל פאַרבלייבן מיט דיר, איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן. ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר און איז געווען אַזאַ הויכער, ברייטפּליי־ציקער און שטאַרקער ווי איך. ווען ער וואָלט אויס־געוואַקסן, וואָלט ער געווען אַ ריז, מעגלעך אַ מין זישע ברייטבאָרד. איר ווייסט נישט ווער עס איז זישע ברייטבאָרד? דער קעניג פון די אַטלעטן, אַן אויסער־געוויינלעכער גבור. מיט דער הוילער האַנט האָט ער פינף־צאָליקע טשוועקעס אַריינגעקלאַפּט אין אַ דעמ־בענער ברעט, אייזערנע קייטן צעריסן, און איר וועט נישט טרעפן פון וואָס ער איז געשטאָרבן! ער האָט זיך צעדראַפּעט מיט אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק! נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו מיין זון. איך האָב שוין געזאָגט, אַז ער איז געווען אַזאַ גבר ווי איך, נישט ווי איך אַצינד, נאָר ווי פאַר דער מלחמה. אַ מענטש, וואָס לעבט איבער דאָס וואָס איך, ווערט שוין אויס מענטש.

און איך בין איבערגעבליבן ביים לעבן אַדאַנק דעם בריוו פון מיין פרוי, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערציילט, אַז זי האָט אים אָנגעשריבן אין וואַגאָן און אַרויסגעוואָרפן פון צוג. אין דעם בריוו, וועלכן עס האָט מיר איבערגעגעבן נאָך דעם זעלבן טאָג אַ באַ־קאַנטער אייזנבאַנער, האָט זי אָנגעשריבן אַ פּאָר ווער־טער, וועלכע איך געדענק און וועל פאַרגעדענקען ביז אין טויט, ווייל אַזעלכע ווערטער פאַרגעסן זיך נישט. „מיין טייערער — האָט זי געשריבן — ביסט געוועזן פאַר מיר אַ טאַטע און אַ מאַמע, אַ מאַן און אַ געליב־טער, און דערפאַר בעט איך דיר אין דער לעצטער שעה די זאָלסט נקמה נעמען פאַר דיין ווייב און קינ־דער. איך וועל בעטן פאַר דיר אין קבר, אַז גאָט זאָל דיר געבן כוח״.

און דער דאָזיקער בריוו האָט מיר געהאָלפן. איך האָב אים זיך איבערגעחזרט טויזנט מאָל, הונדערט טויזנט מאָל, און באַשלאָסן ביי זיך, אַז איך וועל זיך נישט לאָזן, אַז איך וועל זיך זיי נישט אונטערגעבן. ווייל וואָס נאָך איז מיר דען איבערגעבליבן? צוואָס האָב איך באַדאַרפט דאָס לעבן? נאָך דעם, וואָס מע האָט זיך צוגעקוקט, ווי זיי צעשפּליטערן מיט אַ האַ־מער קינדערשע קעפּלעך, נאָך דעם, ווען מען האָט אַליין אָפּגעלעקט פון דער בעטאָן־וואַנט דאָס בלוט און דעם מוח פון אייגענעם טאַטן און אַראָפּגעשלונגען די ביינד־לעך פון זיין שאַרבן, נאָך דעם, וואָס מען האָט צוגעע־זען, ווי דאָס ווייב און די קינדער ווערן געיאָגט אין

די טויט־וואַגאָנען קיין טרעבלינקע, צי מיידאַנעק — נאָך דעם אַלעמען, וואָס קאָן אַ מענטשן נאָך איבער־בלייבן? צוליב וואָס טויג מיר נאָך צו לעבן? עס איז מיר שוין געווען אַלצאיינס, איך האָב שוין גאָרנישט געהאַט צו פאַרלירן. מען האָט נאָר באַדאַרפט אויס־קלייבן אַ פאַסיקע מינוט, ענדלעך איז זי אָנגעקומען.

איר הערט? מע ווינטשט שוין ווידער אַ וועלכן ס'איז זיידן הונדערט יאָר לעבן! ווער איז דאָס? נו, ביטע! די טעכטער, זין, אייניקלעך און אור־אייניק־לעך... איר האָט געהערט? איך קאָן זיך עס גאָרנישט גלויבן, אַז איך האָב איבערגעלעבט, צי איר קאָנט דאָס פאַרשטיין? פינף און זעכציק יאָר! איך וואָלט שוין געהאַט אייניקלעך, איך וואָלט שוין געווען אַ זיידע, נאָר פון אויבן, זעט אויס, איז עס אַנדערש געווען גע־חתמעט. צי גלויבט איר, אַז איידער נאָך דער מענטש ווערט געבוירן איז שוין אויבן אין הימל פאַרשריבן אין אַ דיקן ספר ווי זיין גאַנץ לעבן וועט פאַריבער? אויף וועלכע קרענק ער וועט קרענקען, וועלכע אומ־גליקן אָדער פריידן עס וועלן אים טרעפן, וועלכע צרות און צער ער וועט האָבן, מיט איין וואָרט, דאָרט פירט זיך אַזאַ מין בוכהאַלטעריע און דעריבער האָב איך אייך נאָך אין אָנהייב געזאָגט, אַז דער מענטש איז ווי אַ קאָרטאָטעקע. ענדלעך איז אָנגעקומען די מינוט.

ביז דעם 31־טן דעצעמבער האָט אַלץ באַדאַרפט זיין „יודענריין" און אַזוי איז פאַקטיש געווען. בלויז

אונדז, די 44, האָט מען נאָך געהאַלטן. מיר האָבן אויסגעפירט פֿאַרשידענע נויטיקע אַרבעטן. מיר האָבן באַערדיקט די דערמאָרדעטע, דערנאָך האָבן מיר צע־נומען זייערע הייזער, שפּעטער האָבן מיר געבראַכט אין אָרדענונג די זאַכן, וועלכע זענען נאָך זיי פֿאַרבליבן: מיר האָבן זיי איינגעלייגט זייער שיין, „אין אָרדענונג". דאָ די טישן, דאָרט די שענק, ערגעץ אַנדערש די בעטן. דאָס אַלץ האָט זיך געפֿונען אויף אַ גרויסן פּלאַץ, אין איין ווינקל — ניי־מאַשינען, אין אַנדערן — טעפּ, אין דריטן — בעטגעוואַנט, אַנטועכץ, איר ווייסט דאָך, ווי זיי האָבן ליב געהאַט אָרדענונג. זיי האָבן אונדז אַלע־מען געהאַלטן אין איין קליין איינשטאָקיק הייזל, פֿונ־וואַנען מען האָט אונדז אַרויסגעפֿירט צו דער אַרבעט. אין דעם הייזל זענען מיר געשלאָפֿן, אָפּגעקאָכט דאָס ביסל געקעכץ. אַרום זענען געווען ווענט, און דאָרט ווו קיין וואַנט איז נישט געווען, האָבן זיי פֿאַרשטעלט מיט שטעכלדיקן דראָט. אַ וועלכע ס'איז הונדערט מע־טער פֿון אונדזער הייזל איז געשטאַנען אַן אַנדער גע־ביידע, די פֿון „בריאות", וועלכע געהער הייַנט צו דער סאַנאַטאָריע פֿון דער הויפּטשטאָט וואַרשע. און אין דער דאָזיקער געביידע האָט זיך געפֿונען די דייטשישע אַדמיניסטראַציע, וועלכע מיר זענען געווען אונטער־געאָרדנט. און אָט איינמאָל אין אַ געוויסן טאָג, דעם ערשטן דעצעמבער 1942, אַ זייגער זיבן פֿופֿצן, האָט עמעצער פּלוצעם אָנגעקלאַפּט אין טויער.

מיר זענען אַלע געווען אויף דעם שטאָק, ווו מיר זענען געשלאָפן, אָבער מיר האָבן גלייך דערקענט, אַז דאָס קלאַפּן דייטשן. איך בין אַראָפּ פון אונטן אויפצו־עפענען. און ווירקלעך. ווי נאָר איך האָב אויפגעעפנט, זענען אַריין זיבן מאַן: איין זשאַנדאַר און זעקס גראַ־נאַטאָווע.

— צי זענען דאָ פאַראַן יידן? — האָט אויסגערופן דער דייטש, קוקנדיק אויף מיר.

— עס זענען פאַראַן — האָב איך געענטפערט.

און אין געדאַנק האָב איך איבערגעחזרט די ווער־טער פון דעם בריוו פון מיין פרוי, די ערד זאָל איר גרינג זיין. איך האָב שוין געוווּסט וואָס זיי ווילן, נאָך וואָס זיי זענען געקומען. אויסער אונדז איז שוין קיי־נער נישט געווען, און אויב זיי זענען געקומען נאָך יידן, הייסט עס, בלויז נאָך אונדז. וועגן דעם, אַז אין שטאָט געפינען זיך נאָך יידן, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער: עס זענען דאָרט פאַרבליבן אַ פערצנ־יעריקער בחור פּיוויש און די רויטהאָריקע יוכבד, נאָר וועגן זיי וועל איך שפּעטער דערציילן.

איז דער דייטש, הייסט עס, פרעגט זיך:

— צי זענען פאַראַן דאָ יידן?

איך בין געווען גרייט צו אַנטלויפן. אויף די פיס האָב איך געהאַט הויכע שטיוול, אויפן רוקן אַ דיקע קורטקע — איך האָב איך שוין געזאָגט, אַז דאָס איז פאַרגעקומען אין דעצעמבער — און אין האַרץ אַ באַ־שלוס: אַנטלויפן. נאָר איך האָב נישט געקאָנט. דער

זשאַנדאַר איז געשטאַנען צו באַענט מיטן שפּייער אין דער האַנט. איך האָב אפילו נישט געקאָנט אויסציען די האַנט, כדי צו כאַפּן א שטול אָדער א באַנק און אים פּלעטן דעם קאָפּ. און דעמלט האָב איך אַ טראַכט געטאָן: מ׳דאַרף געפינען צייט.

וואָס טוט מען?

איך האָב שוין געזען אַ סך טויטן, פאַרשידענע מיגים טויטן און איצט בין איך נישט ווידערשטאַנדס־פעיק, יעדע קרענק טשעפּעט זיך אין מיר. וועגן דער עקזעקוציע פון די הונדערט צוויי און זעכציק מענטשן האָב איך איך שוין דערציילט, דאָס איז פאָרגעקומען ביי דער וואַנט, דערנאָך איז געקומען די עקזעקוציע פון פערציק יידן, און שפּעטער דאָס אַרויסשיקן אין לאַגער פון קאַרטשעוו. מען האָט צונויפגענומען די מענטשן אויף דעם מאַרק־פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרמעריע, מיליטער, עס עס־לייט און אָנגע־הויבן אָפּקלייבן. אייניקע צו דער אַרבעט, אַנדערע אין די וואַגאָנען. אָפּגעקליבן האָט דער דאָקטער רופּרעכט. אָפּגעקליבן? אויב עמעצער איז נישט געווען פעיק צו דער אַרבעט האָט דער דאָזיקער דאָקטער אַזוי גע־שלאָגן, אַזוי געממיתט, אַז נישט איינער איז געבליבן טויט אונטער זיינע הענט. און אַ גראַבאַטאָוועך, אַ הי־גער פאָליאַק, וועלכער איז געשטאַנען דערנעבן און זיך צוגעקוקט, פלעגט זאָגן: ער שלאָגט גוט די הינטישע זין. די יידן הייסט עס. איך האָב זיך אַרויסגעוויזן פעיק צו דער אַרבעט, פונדעסטוועגן האָט ער מיך אויך אַזוי צע־

שלאָגן, אַז ווען איך האָב זיך שוין געפונען אין דער היים, האָב איך נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר. מען האָט מיר שפּעטער געזאָגט, אַז איך האָב באַקו־מען אַן איינשפּריצונג, כּדי מיך אויפצומינטערן.

אַזוי, מיין הער. נאָך איך האָב געוואָלט רעדן וועגן טויט. צי האָט איר שוין אַמאָל געזען אַן עקסהומאַציע? נאָך דער באַפרייונג בין איך אַנוועזנד געווען ביי עט־לעכע עקסהומאַציעס: הינטער שווידער אין אָטוואָצק, אין שרודבאָרוו, אין יוזעפאָוו, ווייל וויסן דאַרפט איר, אַז איך בין געווען ביי די אַלע עקזעקוציעס און ווייס ווו און ווען. אָבער נישט אַלע האָט מען עקסהומירט, נישט אַלע האָט מען באַגראָבן אין איין ברידער־קבר. גיי זוך — ווי זאָגט מען — דעם ווינט אין פעלד.

למשל: דעם קערפּער פון מנחמס טאָכטער וועט מען קיינמאָל נישט אָפּגעפינען. זי האָט מען נישט דערשאָסן, נישט אַרויסגעשיקט קיין טרעבלינקע, זי איז דאָ אומגעקומען, אָ, איר זעט דאָס דאָזיקע וועלדל, לינקס פון פענצטער? דאָ איז זי אומגעקומען מיט איר מיתה משונה. און איר ווייסט פאַרוואָס? דערפאַר וואָס זי האָט געבעטן מע זאָל זי נישט דערשיסן. און זיי האָבן איר בקשה דערפילט: זיי האָבן זי ווירקלעך נישט דערשאָסן.

מען האָט זי געכאַפּט דעמלט, ווען מ׳האָט שוין געהאַט אויסגעזידלט די לעצטע יידן, — אָ, איר הערט, וואָס פאַר אַ שיין שטיקל מע שפּילט איצט, א פריי־לעכס, זעט אויס לכּבוד א יונג פּאָר — זי האָט זיך

אויסבאַהאַלטן, אָבער זי האָט נישט אויסגעהאַלטן אין דער באַהעלטעניש און אַרויסגעשפּרונגען, כּדי זיך אַרויסצובאַקומען פון געטאָ. זיי האָבן זי באַמערקט און אַ געשריי געטאָן צו איר — פיר זענען זיי געווען: איין דייטש און דריי אוקראַינער. ווען זי האָט דערהערט זייערע געשרייען, איז זי שטיין געבליבן, דערנאָך, אויף זייער רוף, איז זי צוגעגאַנגען נאָענט. איך בין געשטאַנען פון דער ווייטנס מיט דעם רידל אין דער האַנט, כ׳האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך אַרבעט, אָבער איך האָב אַלץ געזען.

מנחמס טאָכטער איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין אונדזער שטאָט. אפשר פּאַסט נישט פאַר מיר, אַן אַלטן יידן, אַזוי צו רעדן, אָבער נישט נאָר איך, אַלע יידן און נישט יידן האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ יפת־תואר איז נישט צו געפינען אויף דער גאַנצער „ליניע”. וועגן וואַרשע זאָג איך נישט — דאָרטן קען זיין, אָבער ביי אונדז איז נאָך אַזאַ נישט געווען. דער תלמוד איז אייך באַקאַנט? אין תלמוד ווערט געזאָגט וועגן ארץ־ישראל, אַז ס׳איז א לאַנד פון חלב ודבש, דאָס הייסט, אַז דאָרט פליִיצט מיט מילך און האָניק. צי זעט איר דאָס? ווארום וואָס הייסט דאָס אַזוינס מילך און האָניק? דאָס הייסט אַ גוטע, מילדע, ווייסע, שמעקנדיקע, גאָלדיקע און געזונטע זאַך. וואָס גיט מען א קראַנקן? טאַקע מילך און האָניק. מנחמס טאָכטער איז געווען חלב ודבש. אַ הויכע, שטאַלטנע, מיט אַ פּנים בלוט און מילך, אביסל ראָזלעך און אַביסל טונקל. דערצו האָט

זי נאָך געהאַט גאָלדענע האָר, און אויגן... צי ווייסט איר, וואָס עס הייסט א לויטערער הימל? אַזעלכע בלויע, רואיקע, אָן איין וואָלקנדל. ווען אויפן הימל איז פאַראַן איין וואָלקנדל, איז ער שוין נישט בלוי, און די אויגן פון דעם מיידל זענען געווען אָן איין וואָלקנדל, ריינע און מילדע. אַזאַ הימל טרעפט זיך ביי אונדז אָפט, אָבער דערצו דאַרף נאָך זיין שטיל. אַזעלכע אויגן האָט זי געהאַט. און נישט געגאַנגען איז זי, נאָר געשוווּמען. ווען זי האָט שפּאַצירט דורך די דאָזיקע זאַמדן אונדזערע, אָדער דורכן וואַלד, האָבן אַלע איר נאָכגעקוקט. ווען זי איז זיך אַזוי געגאַנגען דורך אונ־דזערע סאָסנעס, האָבן בלויז אירע גאָלדענע האָר גע־פינקלט.

אַלזאָ דערמלט ווען זי איז אַרויס פון איר באַהעל־טעניש און יענע האָבן זי באַמערקט, האָבן זיי צו איר זיך געשריי געטאָן. דאָס מיידל איז שטיין געבליבן. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו דעם דייטש און צו די דריי אוקראַינער.

— מיין האָר — האָט זי געזאָגט צום דייטש — זאָל מיר דער האַר נישט שיסן.

זי האָט דאָס געזאָגט אין יידיש און דער דייטש האָט דאָס פאַרשטאַנען, ווייל אויף דייטש זאָגט מען אויך אַזוי: „נישט שיסן".

— ניכט שיסן — האָט אָפּגעענטפערט דער דייטש און באַפוילן אַריינצוגיין אין וועלדל.

איך האָב דאָס צוגעזען מיט שוידער, איך האָב גע־

ווּסט, וואָס אין דעם וועלדל וועט פּאַרקומען. זיי זע־נען געווען פיר און זי איינע, און אַזאַ שיינהייט, אַזאַ יונגע. אָבער איר מיינט, אַז ער האָט מיט איר ד אָ ס געטאָן? האָט איר א טעות. זיי האָבן מיט איר נישט געטאָן ד אָ ס, וואָס איר מיינט. ווען זי איז אַריין אין וועלדל, זענען זיי איר נאָכגעגאַנגען און דעמלט האָט דער דייטש ארויסגענומען דעם קינזשאַל און מיט דער שאַרף אָפּגעשניטן אַ צווייגל פון אַ יאַלאָווצאָווע קוסט. איר ווייסט וואָס דאָס איז פאַר א מין בוים? יאַלאָוו־צאָווע בראָנפן? אָט דאָס איז עס. עס איז נאָך פיל בעסער פון דעם פסחדיקן, איך האָב ליב אַזאַ. איך בין אַ פּרעסער פון פיש, פיש קאָן איך אַליין און דערצו נאָך א ביסעלע יאַלאָווצאָווע משקה, איר מעגט עס פּאַרזוכן, עפּעס אויסערגעוויינלעכס. דער דייטש האָט לאַנג אַרומגעשמאַיעט אַרום די קוסטעס, ענדלעך האָט ער אָפּגעשניטן דאָס לענגסטע צווייגל, דערנאָך האָט ער אָפּגעשיילט דערפון די קאָרע, פּינקטלעך אַרומגעשאָבן און עס געהאַלטן אין דער האַנט — אַ לאַנגס, אַ ווייס, אַ גליטשיקס און גלאַטיקס. דער נאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דעם מיידל.

— נישט שיסן — האָט זי אויסגערופן נאָכאַמאָל און זיך צעוויינט.

— ניכט שיסן — האָט אָפּגעענטפערט דער דייטש און א שטויס געטאָן דאָס מיידל מיטן קינזשאַל.

איר מיינט אַוודאי, אַז ער האָט זי אַ שטויס גע־טאָן אין האַרץ, כדי זי זאָל זיך גלייך ענדיקן? האָט

איר א טעות. דאָס מיידל האָט א געשריי געטאָן „מאַ־מע״ און אומגעפאַלן אויף דער ערד. אָבער דאָס האַרץ איז איר געבליבן גאַנץ, ער האָט איר נאָר דורכגע־שטאָכן דעם אָרעם, ער האָט זי נישט דערהרגעט, ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל לעבן און זאָל זיך מוטשען. איר האָט אַמאָל געלערנט תלמוד? דאָרט ווערט געזאָגט: און איר זאָלט נישט שענדן די ערד, אויף וועלכער איר וועט זיך געפינען, ווייל אַזאַ בלוט וואָלט געטאָן שענדן די ערד און די ערד קען נישט ווערן אָפּגערייניקט פון דעם בלוט, וואָס ווערט אויף איר פאַרגאָסן...

און ווען זי איז אַזוי געלעגן, איז דער דייטש צו־געגאַנגען צו איר, און ער האָט איר אויפגעהויבן דאָס קליידל, אַראָפּגעצויגן די וועש, איר ווייסט, די אונ־טערוועש, די מייטקעס, און דערנאָך אויף דעם נאַקעטן, מיט דעם גליטשיקן יאַלאָוועצאָוון צוויגל...

אָבער איצט שטיי איך פון אונטן, אין טויער, און דאַרף ווייזן דעם זשאַנדאַר, ווו עס געפינען זיך די רעשט יידן: כ׳וויל אַנטלויפן און קען נישט, ווייל דעם שפייער האַלט ער ביי מיין ברוסט. און איך טראַכט: ווייזן אים ווו די איבעריקע? וואָס קען דערפון אַרויסקומען? מען וועט אונדז אַלעמען פאַרנעמען קיין קאַרטשעוו, און פון דאָרט וועט קיינער שוין נישט צוריקקומען. און אפשר וועט מען אונדז גאָר דאָ אויס־ענדיקן, וואָרום צו וואָס זענען מיר זיי דאָרט נויטיק? און אין די געדאַנקען קומען מיר אויף די לעצטע ווערטער פון דעם בריוו פון מיין פרוי, וועלכע האָט

מיך באַשווירן נקמה צו נעמען פאַר איר טויט און פאַר דעם טויט פון מיינע קינדער.

אין דער טיף פון הויף, אין דער באַזונדערער אַדמיניסטראַציע־געביידע, וועגן וועלכער איך האָב איך שוין דערציילט, האָט אַמטירט איינער א זשאַנ־דאַר, אַ טשעך צי א סלאָווענער, אָבער דאָס האָט גע־מוזט זיין א יידישע נשמה. ס׳הייסט, נישט קיין ייד אין דעם זין, איר פאַרשטייט, ווי כלומרשט איינער פון אונדז. נישט אַזוי. ער איז געווען אַזאַ, אַז ווי נאָר ער האָט געקענט, האָט ער אונדז געהאָלפן. מען האָט אים גערופן קליוטש, און דעם דאָזיקן נאָמען געדענק איך נאָך ביז היינט, ווייל איך האָב אָפט זיך אַליין געזאָגט: דער דאָזיקער טשעך איז א שליסל, דאָס באַטייט אויף פויליש קליוטש. און אַזוי האָט ער געהייסן.

אַלזאָ, ווען דער זשאַנדאַר איז אַזוי געשטאַנען לעבן מיר און זיך געפרעגט אויף די אַנדערע יידן, וועלכע האָבן מיט מיר צוזאַמען מקבר געווען די דער־מאָרדעטע, האָב איך מיר א טראַכט געטאָן: מען דאַרף געווינען צייט, א ביסל אָפּרוקן אים פון זיך.

— איך וועל אייך וויזן — האָב איך געזאָגט און דורך דעם הויף אים געפירט צו דער געביידע, אין וועלכער עס האָט אַמטירט דער זשאַנדאַר קליוטש. איך האָב געטראַכט: זאָל כאָטש דער קליוטש ווייס־ניקסטנס וויסן, אַז מען איז געקומען נאָך אונדז.

מיר גייען. די גראַנאַטאָווע פּאָליציאַנטן זענען געבליבן אין טויער, די יידן זיצן אין דער הייך, און

איך גיי. איך גיי פֿאַרויס, האַרט הינטער מיר דער זשאַנדאַר, איך פֿיל, ווי דער אויטאָמאַט איז אָנגע־שטעלט אויף מיין קאַרק און איך ווייס, אַז אויב איך וועל זי נאָר פּרוּוון אומדרייען, וועט ער גלייך שיסן אין מיר. און זיכער פֿון יענער צייט, ווי נאָר עפּעס גע־שעט, אַזוי גיט מיר דאָס בלוט גלייך אַ זעץ אין קאָפּ אַריין. הייסט עס, גייען מיר. מיר קומען אַריין אין דער אַדמיניסטראַציע־געביידע, קריכן אַרויף מיט די טרעפּ אין דער הייך און ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פֿון דעם קליוטש, האָט ער פֿון אינעווייניק אַ פֿרעג געטאָן אויף דייטש:

— ווער איז דאָרט?

דער זשאַנדאַר, וואָס איז געגאַנגען מיט מיר, האָט אים אָפּגעענטפֿערט: — דויטשע פּאָליציי.

ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך אַרויסגע־רוקט פֿאָרויס, כדי צו עפֿענען די טיר. און ווירקלעך. ער האָט זי געעפֿנט, אַריבערגעטראָטן די שוועל, אַ רגע האָב איך נאָך באַמערקט קליוטשן, ווי ער האָט זיך דערנענטערט צו דער טיר, כדי זיך צו באַגריסן מיט דעם זשאַנדאַר, און דעמלט האָב איך מיט אַלע כוחות צוגעהאַקט די טיר. איך בין געבליבן אויפֿן קאָרידאָר. די טיר, וועלכע איך האָב צוגעמאַכט האָט אויסער דעם שלאָס נאָך געהאַט אַ קייטל פֿון דראָט און דאָס קייטל האָב איך אויך פֿאַרוואָרפֿן און געמאַכט אַ ויברח.

איך בין אַרויסגעשפּרונגען פֿון הויז, אַריבערגע־לאָפֿן דעם הויף, נישט אין דער ריכטונג פֿון דעם הויז,

אין וועלכן מיר האָבן געוווינט און ווו עס האָבן זיך געפונען איצט די גראַנאַטאָווע פּאָליציאַנטן, נאָר אין אַ פאַרקערטער. איך האָב געיאָגט לענגויס דער וואַנט, דערנאָך לענגויס די קוסטעס, הינטער וועלכע עס זענען געווען פאַרצוימונגען פון שטעכלדיקן דראָט. איך האָב געיאָגט אַלץ ווייטער פון דעם הויז, אין וועלכן צוויי זשאַנדאַרן זענען געווען פאַרמאַכט הינטער אַ שלאָס. ענדלעך בין איך צוגעפאַלן צו דעם שטעכלדיקן דראָט, וועלכער האָט פאַרצוימט דעם גאַנצן פּלאַץ, און מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ פאָרויס האָב איך מיך אַ וואָרף געטאָן צווישן די דראָטן. איך האָב נאָר געפילט, ווי די שטעכעדיקע שפּיצן זענען מיר אדורכגעפאָרן איבערן שאַרבן. באַלד האָט א וואַרעמער שטראָם א שווים געטאָן איבערן קאַרק, איבער די פּלייצעס און אַריינגערונען אין די שיך. כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף די הענט. זיי האָבן געבלוטיקט.

איך האָב שוין אייך געזאָגט, אַז איך בין געווען גרייט צו מאַכן א ויברח, איר הערט? ווי רופט מען דאָס שטיק? אָוואַ, פיין. איך האָב געהאַט אויף זיך אַ דיקע קורטקע און וועגן דעם בלוט, וואָס איז גערונען פון קאָפּ בין איך געווען רואיק, עס האָט זיך איינגעזאַפּט אין דיקן שטאָף, אין העמד. אָבער וואָס טאָן מיט דעם בלוט, וואָס איז געפלאָסן פון די הענט? אויפן וועג איז געלעגן א שניי, די שפּורן פון די טריט וואָלטן זיי בישט געקענט אויפדעקן, ווייל זיי זענען געווען א סך, אָבער בלוט? ווען עס זאָל בלייבן אויפן

שניי, וואַלטן זיי גלייך געוווסט, ווו איך בין אַנטלאָפן. וואָס טאָן? איך האָב געכאַפּט אין די הענטביידע פּאָ־לעס פון דער קורטקע און אַזוי בין איך געלאָפן. קיין איין טראָפּן בלוט איז נישט אַראָפּגעפאַלן אויפן שניי. איך בין געלאָפן פּאָרויס, אַלץ פאָרויס, פול מיט שרעק, אַז באַלד וועלן זיי זיך א לאָז טאָן נאָך מיר און וועלן מיך כאַפּן, איידער נאָך איך וועל באַוויזן אַריינפאַלן אין א וועלכער ס׳איז שטוב. כ׳בין שוין אַריבער די ערשטע די צווייטע, די דריטע, אָבער איך האָב מורא אַריינצוגיין, אפשר וועט מען נישט אויפנעמען? און אומעטום סאַמע באַקאַנטע, אייגענע מענטשן. און פּלו־צעם הער איך א שטים:

— העניעק, ווו פליסטו?

איך בין שטיין געבליבן. ערשט איצט האָב איך באַמערקט מיינעם א פריינד שטייענדיק פאַרן הויז. איך האָב קוים געקענט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

— גיי אַריין — האָט פראַנצישעק געזאָגט.

— איך קען נישט.

— גיי אַריין, זאָג איך.

— עס וועט באַלד זיין אַן אַבלאַווע.

— גיי אַריין!

אין פירהויז האָב איך אים געזאָגט:

— איך האָב נישט קיין שום אויסזיכטן. אַ ווע־ווערקע, א הונט, א קאַץ האָבן אויסזיכטן, האָבן רעכט איבערצולעבן, איך נישט.

— מיר וועלן זען.

איך בין געווען ביי אים צוויי טעג, לענגער האָב איך נישט געקענט. דאָס איז געווען אַ פּאַרטער־הייזל, ס'איז געשטאַנען ביי דעם סאַמע שאָסיי. מ'האָט מיר אויסגעוואַשן די ווונדן, פאַרבאַנדאַזשירט. איבערן וועג האָבן דערוויל געיאָגט אויטאָס, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָבלאַווע. דעם דריטן טאָג האָט פראַנצישעק געזאָגט:

— מ'האָט באַשטימט פאַר דיר אַ פּרעמיע.

— וויפל?

— צען טויזנט זלאָטעס.

— ווייניק.

— און צען ליטער בראָנפן.

— אַ סך.

— דאָ איז צו נאָענט — האָט ער געזאָגט. — איך מוז פאַר דיר געפינען עפּעס בעסערס.

— וואָס?

— עפּעס אַ וווינונג, ווו דו זאָלסט קענען איבערהאַלטן.

— איך וועל נישט איבערהאַלטן.

— ווילסטו אַרויסגיין?

איך האָב נישט געוואָלט אַרויסגיין.

— יענע האָט מען שוין אַרויסגעפירט — האָט ער געזאָגט.

— וועלכע יענע?

— נו, דיינע חברים.

— וווהין?

— נישט ווייט.

— אין וואַלד?

— יאָ.

— זאָל זיי די ערד גרינג זיין. איך האָב שוין גע־קענט ליגן דאָרט מיט זיי.

פראַנציִשעק האָט געפונען א ווּינונג. דאָס הויז איז געשטאַנען נישט ווייט פון לובלינער שאָסיי, דעמ־באָווע גאַס נומער 17, ווינונג 6. דאָס איז געווען אַן איינשטאָקיק הויז, צוויי ווינונגען פון אונטן, אָבער וועגן דעם האָב איך שוין גערעדט. די ווינונג פון אויבן איז באַשטאַנען פון א צימער מיט א קיך פאַנאַנ־דערגעטיילטע דורך א קאָרידאָר מיט א טיר אויף די טרעפ. די דאָזיקע טיר האָט זיך געעפנט אויף א קיי־טעלע: אַז מ׳האָט נישט געוואָלט קיינעם אַריינלאָזן, איז ער נישט אַריינגעגאַנגען, אָבער מ׳האָט געקענט געבוי זען, ווער עס קלאַפּט. דאָס איז א וויכטיקער פּרט, איר וועט זען שפּעטער. אין דער ווינונג האָט געוווינט איין פּערזאָן, אַ פרוי. זי איז געווען יונג און האָט געאַרבעט אין שטאָט־פאַרוואַלטונג.

יאָ, אָבער איר פרעגט נישט, ווער עס האָט גע־וווינט אונטן. פאַרוואָס פרעגט איר נישט? דאָס איז זייער וויכטיק. פון אונטן אין צוויי באַזונדערע ווינונ־גען האָבן געוווינט צוויי פאָלקסדייטשן. צי מיין פריינד האָט מיר וועגן דעם געזאָגט? ווי דען אַנדערש?

— דאָס איז א זיכער הויז — האָט ער געזאָגט. —

פון אַזאַ הויז וועט מען נישט אַרויסשיקן, דאָרט וועס־טו האָבן אַ גוטע מעלינע.

איך בין אַהין געגאַנגען.

— וועסט נישט אויסזאָגן, ווו איך בין? — האָב איך געפרעגט דעם פריינד.

— העניעק, וואָס רעדסטו? קענסט מיך נישט?

— איך קען דיך.

— צוואָס זשע שטעלסטו אַזאַ נאַרישע פראַגע?

— איך ווייס נישט.

— ווען איך וואָלט נישט געוואָלט דיר העלפן, וואָלט איך פאַרמאַכט די טיר פאַר דיר.

— און אַז מען וועט דיך אַ דריק טאָן, וועסטו אויך נישט זאָגן?

— איך?

— דו.

— העניעק, זיי רואיק. און דו?

— וואָס איך?

— דו וועסט נישט זאָגן ווער עס האָט דיר געגעבן די מעלינע?

— זיי רואיק, איינער וועט נישט וויסן פון אַנדערן.

איך האָב אָנגעהויבן צענעמען דעם אויוון, ווייל בלייבן אין דער ווינונג אַזוי זיך, אויף גאָטס באַראָט, וואָלט געווען א ריינע משוגעת. די פרוי איז גאַנצפרי ארויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט און צוריקגעקומען פאַרנאַכט, און איך בין אין משך פון דער דאָזיקער צייט געזעסן רואיק... איך האָב אַפילו לייענען נישט

געקענט, ווייל דאָרט זענען געווען בלויז פּוילישע ביכ־לעך, און ווו נעמט מען אין אַזאַ צייט א גמרא אָדער אַן אַנדער יידישן ספר? איך בין אַרומגעגאַנגען שטענ־דיק אין די סקאַרפּעטן, מע זאָל פון אונטן גאָרנישט נישט הערן, און אין אָוונט, ווען די פרוי איז צוריק־געקומען, האָב איך אָנגעהויבן די אַרבעט. זי האָט אַרומגערודערט מיט די טעפּ, עס זאָל אויסקומען כלו־מרשט אַז זי קאָכט, שייערט, וואַשט, און איך האָב פאַ־מעלעך, שטיל איינגעאָרדנט דעם אַריינגאַנג אין אויוון דורך דעם אויבערשטן טייל: איך האָב באַזייטיקט די רושטן, אַרויסגעוואָרפן דעם גרוז. אויף אַריינצוגיין אינעווייניק האָט מען באַדאַרפט צורוקן דעם טיש.

אָ, איצט הערט איר? דאָס איז שיין. איר האָט ליב מוזיק? פאַראַן אַזעלכע שטיק, וואָס כאַפּן אָן ביים האַרץ, אַז עס גלוסט זיך אַזש וויינען, נישט אמת? איר האָט נישט געהערט פאַר ווען מ׳האָט באַשטעלט דאָס דאָזיקע שטיק? א שאָד, איך וואָלט געוואָלט אויס־קלייבן אַן ענלעכע זאַך. פאַר וועמען? איך וועל אייך זאָגן, דערווייל איז דאָס א סוד. פאַר אַ פרוי? אין מיין עלטער? וואָס פאַלט אייך איין! נאָר פריער האָבן זיי מיך דערשאָסן. וואָס? איר וווּנדערט זיך? פשוט, די דייטשן האָבן מיך דערשאָסן, איך זאָל שוין נישט לעבן און זיי זאָלן מיך אויפהערן זוכן. ווי אַזוי ארום האָבן זיי מיך דערשאָסן, וויבאַלד איך לעב און דער־צייל? איך האָב עס אַזוי פאַרטראַכט. איך האָב געזאָגט צו דער פרוי:

— איר וועט זאָגן מאָרגן די חברטעס אין ביוראָ, אַז אין שטאָט איז געקומען אַ פֿויער, וועלכער האָט דערציילט, אַז ער האָט געזען העניעקן, דאָס הייסט מיך אין אַ ראָוו הינטער דער שטאָט, אַ דערשאָסענעם. נאָר געדענקט, איר טאָרט נישט זאָגן, אַז איר האָט מיך געזען, נאָר אַז דער פֿויער האָט געזען, ווייל אַנדערש וועלן זיי זיך אָנהייבן פֿרעגן: ווו איז דאָס געווען? און ווען? און אַז איר וועט זאָגן, אַז דער פֿויער האָט געזען, וועט מען לאָזן צורו. און אַזוי האָט זי געטאָן. צווישן די באַקאַנטע אין שטאָט איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז איך לעב שוין נישט, און אויף אַזאַ אופֿן האָט מען אויפֿגע־הערט צו רעדן פֿון מיר. אַ גוטער איינפֿאַל, זאָגט איר? אַוודאי, אַ גוטער.

און איך וווין אין דער וווינונג. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אַז אַלע מיינע און אונדזערע געמיינזאַמע שונ־אים זאָלן אַזוי לעבן. אַז אויף יעדער שטים, אויף יעדן קלאַנג האָרך איך זיך באַהאַלטן און אָפּזיצן שעהן אין אויוון, ביז אַלץ ווערט איינגעשטילט. מיט דער צייט איז מיין געהער געוואָרן אַזוי אויסגעשאַרפֿט, ווי ביי אַ בלינדן די שפּירונג. איך האָב דערקענט, ווער עס גייט, וועלכער אויטאָ פֿאָרט אָדער וועלכער טאַנק גייט אַריבער דעם וועג. אָפֿט בין איך אָפּגעשטאַנען שעהנווייז ביי דער טיר און זיך איינגעהערט. פֿון שרעק האָט מיך אַ שווייס באַגאָסן, און איך בין אַלץ געשטאַנען און געהערט. נאָך אַ געוויסער צייט האָב איך באַמערקט, אַז די פּוטרינע אין דעם אָרט, ווו איך

האָב געהאַלטן דעם קאָפּ איז אינגאַנצן געווען שוואַרץ: די גאַנצע טיר איז געווען ווייס, נאָר אויף דעם אָרט איז געווען א שוואַרצער פלעק. אויך נאָך דער מלחמה איז דער פלעק געבליבן, איר קענט אים זען. דעמבאָ־ווע 17, ווױנונג 6, ערשטער שטאָק.

ס'איז געווען שלעכט, איך האָב נישט געהאַט וואָס צו עסן. איר ווייסט. עס זענען געווען די שפּייז־קאַרט־לעך, און די פרוי האָט געטײלט מיט מיר איר עסן. די כוחות האָבן מיך פאַרלאָזט, איך בין געוואָרן דאַר, כ'האָב זיך געשטיקט אין דעם אויוון, און ווען איך בין נאָך א סך שעהן אַרויסגעגאַנגען, האָב איך נישט גע־קענט אויסגלייכן די פיס, אַלץ האָט ווי געטאָן. ביי־נאַכט בין איך געשלאָפן אויפן דיל אין אַנטוועכץ, אין די סקאַרפּעטן, די שיך זענען געשטאַנען אונטער דער האַנט, כדי אין פאַל פון עפּעס קענען גלייך אריינקריכן אין אויוון אַריין.

עס האָט זיך דערנעענטערט פרילינג, פּסח, און דעמלט איז געשען דאָס ערשטע אומגליק. די פרוי האָט אויסגעפּלוידערט, אַז זי באַהאַלט אויס אין איר ווױנונג א יידן. פונוואַנען האָב איך דערפון געוווּסט? פון איר אַליין, פון דער דאָזיקער פרוי. און געווען איז דאָס אַזוי.

פאַר דעם פּאַסכע־יום־טוב איז זי געגאַנגען זיך מתוודה זיין און האָט דערציילט דעם קסיאָנדז, אַז זי טראָגט א זינד אויף איר געוויסן.

— וואָס פֿאַר אַ זינד? — האָט געפֿרעגט דער קסיאָנדז.

— איך באַהאַלט אויס אַ יידן.

— דאָס איז נישט קיין שום זינד, פֿון וועלכער מע דאַרף זיך מתוודה זיין. טו דאָס נישט.

— פֿאַרוואָס?

זאָלסט זיך קיינמאָל דערפֿון נישט מתוודה זיין, ווייל דאָס איז נישט קיין זינד. דערפֿאַר וועט דער האר יעזוס דיך באַלוינען. און זיי זיך נישט מתוודה דערפֿון, ווייל דאָ אויף מיין אָרט וואָלט געקענט זיצן אַ דייטש און דער וואָלט אייך ביידע אויסגעגעבן.

זי איז צוריקגעקומען אַהיים און מיר וועגן אַלץ דערציילט.

— ווי הייסט דער קסיאָנדז? — האָב איך געפֿרעגט.

טשינסקי, אַ קסיאָנדז וויקאַר.

— ס׳איז קיינמאָל נישט געווען אין אונדזער פּאַראַפֿיע אַזאַ קסיאָנדז.

— דער אַלטער קסיאָנדז איז געשטאָרבן. ווען טשינסקי איז אָנגעקומען, זענט איר שוין געווען אין געטאָ.

— זאָל אים גאָט באַצאָלן פֿאַר זיין גוט האַרץ.

איר מיינט, אַז נאָר פֿאַר מיר האָט דער קסיאָנדז טשינסקי געהאַט אַ גוט האַרץ? זיין צוגאַנג האָט זיך געלאָזט הערן, פֿון דער פּרויס דערציילן האָב איך געקענט אַלע זיינע דרשות און פֿונדאַנען האָב איך זיך

דערוווסט, אַז אויסער מיר, זענען דעמלט ביי אונדז געווען נאָך צוויי יידן: דער דאָזיקער פערצניאָריקער בחור פּיווויש און איינע א מיידל. דאָס האָט געמוזט זיין איינער פון די ייִנגלעך פון „בריאות״, וואָס זיי האָט מען מיט א האַמער די קעפּ געפּלעט. ער איז אַנטלאָפן פון זיי און זיך אויסבאַהאַלטן. ער איז געשלאָפן אין מיסט־קאַסטנס, אין הינטישע בודעס, מענטשן האָבן אים צוגעוואָרפן עפּעס עסן. אין אַ געוויסן טאָג האָט אים עמעצער אויסגעגעבן. און טרעפט, וויפל דער שפּיצעל האָט באַקומען פאַר דעם דאָזיקן ייִנגל? זיבן זלאָטעס! פּופּציק גראָשן פאַר יעדעס יאָר פון זיין לעבן, ווייל דאָס ייִנגל איז אַלט געווען פערצן יאָר, ווען מע האָט אים דערשאָסן ערגעץ אויף א הויף. און ווען מ׳האָט דאָס דאָזיקע ייִנגל אויסגעגעבן און די דייטשן האָבן אים דערשאָסן, האָט דער קסיאָנדז טשיבסקי זונטיק געזאָגט פון דער אַמבאָנע.

— געדענק, די לאָהיז, דאָס וועט דיר נישט זיין געשענקט. דו ביסט דאָ צווישן אונדז, דו קומסט בעטן צו אונדזער הער, צו יעזוס קריסטוס, וועלכער האָט אויסגעקייט די פּיין פון דער וועלט, און דערנאָך גייסטו אַרויס פונדאַנען און גיסט איבער א מענטשן אין די הענט פון שונא?

איר מיינט, אַז דאָס איז דרייסטקייט? דערויף איז נישטאָ קיין ווערטער. אין מענטשלעכן לשון איז דערויף נישטאָ קיין וואָרט. איר קענט תלמוד? אין תלמוד איז נישטאָ אַזאַ וואָרט. און א רב וועט געפינען,

מיינט איר? אויך נישט. אַ פּאַרצייטישער רב וואָלט אפשר געפונען, אָבער א היינטיקער אויף זיכער נישט. ווייל איר מוזט וויסן, אַז אין קאָשציאָל זענען געווען נישט בלויז פּאָליאַקן, דאָרט זענען געווען אויך פאָלקס־דייטשן, פאַרשידענע שפּיצלעס, שמאַלצאָווניקעס, און דער קסיאָנדז טשינסקי האָט ריזיקירט מיט זיין קאָפּ, און דאָס איז וויכטיקער דערפון, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט געלט און פּעקלעך. ער האָט נישט געקענט הערש פּנחסן, ער האָט אפילו נישט געפרעגט אויף מיין נאָמען. פונוואַנען וויס איך דאָס? דאָס וועט איר זיך דערוויסן שפּעטער, איך וועל אַלץ דערציילן, וועט איר זיך איבערצייגן.

געלט און שפּייז האָט ער איבערגעשיקט דורך דער דאָזיקער פרוי, עס איז נישט געווען קיין סך, ווייל ער האָט אַליין נישט געהאַט. ביז אין איינעם אַ געוויסן טאָג איז געקומען נאָך אַן אַנדער הילף. איר וועט נישט טרעפן פון וועמען. פון די דייטשן! אָבער וועגן דעם וועל איך דערציילן שפּעטער.

אָ, דאָס איז אויך אַ שיין שטיק, וואָרט, איך וועל אַ ביסל הערן. דאָס דערמאָנט מיר אין עפּעס, שאַ. די פרוי, ווי געוויינלעך אַ פרוי, איז נאָך דעם מתוודה זיין זיך געווען רואיק, נישט מורא געהאַט, נאָר ס'איז ווי־דער פאַריבער א שטיקל צייט און איך זע, די פרוי האָט זיך געענדערט.

— איך האָב מורא — זאָגט זי.

— פאַרוואָס האָט איר מורא?

— מען קען אייך פּאַקן.

— וואָס הייסט מע קען? איך לעב דאָך נישט.

— עפּעס א צופאַל, אַ טראַף, אַן אומגליקלעכע פּאַסירונג...

— צי האָט איר נאָכאַמאָל עמעצן געזאָגט וועגן מיר?

— ניין, גאָט זאָל אָפּהיטן!

— איז וואָס האָט איר מורא?

— מען האָט דערשאָסן איינע א מיידל.

— ווו?

— אין וואַרשע.

— דאָ איז נישט וואַרשע.

— דאָס מיידל איז געווען א היגע.

— וועלכעס מיידל? וועמענס מיידל?

— ראָזענעס.

— דער פון „שיעלאַנקי״?

— יאָ.

— אָבער איר זאָגט דאָך, אַז דאָס איז געשען אין וואַרשע.

— קיין וואַרשע איז זי געקומען דורכן קסיאָנדז.

— דורך מ יי ן קסיאָנדז?

— ניין, דורך דעם קסיאָנדז סטוואָראָווסקי.

— דער פון די יעזואיטן?

— יאָ.

— קען איך אים דאָך. ער האָט נישט געקענט טאָן קיין שום שלעכטס.

— ער האָט זי אָפּגעראַטעוועט, אַרויסגעפירט פונדאַנען און געפונען פאַר איר אַן אָרט ערגעץ אין וואַרשע.

— נו, איז דאָך גוט.

— אין וואַרשע איז זי ארויס פון שטוב.

— נו, דאָס איז שלעכט.

— מען האָט זי געכאַפּט און דערשאָסן.

— איך בין נישט אין וואַרשע אויף דער גאַס, נאָר דאָ, אויף דעמבאָווע 17, וווינונג 6.

— איך האָב מורא.

— אויב איר האָט מורא, טאָ זאָגט פראַנצישעקן, ער זאָל צו מיר קומען. פראַנצישעק, דאָס איז מיין פריינד, דער זעלבער, וואָס האָט מיך דער ערשטער פאַרהאַלטן, אויסבאַהאַלטן און דערנאָך געפונען די דאָזיקע וווינונג. און פראַנצישעק איז געקומען. זיצן מיר און רעדן, די פרוי פאַרעט זיך דאָרט עפּעס אין קיך, און איך זאָג דעמלט צו פראַנצישעקן:

— פראַנעק, די פרוי האָט מורא.

— איך פאַרשטיי זי. איך וואָלט אויך מורא גע־האַט.

— אומזיסט, קיינער ווייסט נישט, אַז איך בין דאָ פאַראַן.

— קיינער ווייסט נישט — האָט פראַנצישעק באַשטעטיקט.

— טאָ זאָג איר, אַז זי זאָל קיין מורא נישט האָבן.

— אויף שרעק איז נישטאָ קיין רפואה.

— ס'איז פֿאַראַן.
— וועלכע?
— גערווער — זאָג איך צו אים.
— וואָס רעדסטו? ביסט משוגע געוואָרן?
— האָסט געווער? — פֿרעג איך אים.
— איך האָב, א פּיסטאָלעט.
— ברענג אים אַהער.
— ער איז נישט מיינער. ער איז פֿון דער אָרגאַ־ניזאַציע.
— דו ברענג אים נאָר אויף צו באַווייזן.
— וועמען?
— דער פֿרוי.
— איך דאַרף זי הייסט עס אָנשרעקן?
— איך וואָלט דיר קיין געווער נישט געגעבן.
— פֿאַרוואָס?
— ביסט א נאַר.
— זאָג אין וואָס עס גייט — איז פֿראַנצישעק צוגעשטאַנען.

— וועסט ברענגען דעם פּיסטאָלעט, וועסט אים אַוועקלייגן אויפֿן טיש און וועסט זאָגן אַזוי, אַז די פֿרוי זאָל הערן: פֿון דעם געווער האָב איך דערשאָסן איינעם א פּאָליאַק.

— צוואָס דאַרף איך אַזוי זאָגן?

— דו זאָלסט זאָגן, אַז זי זאָל הערן: יעדער מענטש, וואָס באַהאַלט אויס א יידן, איז פֿאַר אים פֿאַר־אַנטוואָרטלעך.

— זי וועט זיך איבערשרעקן — האָט פראַנציישעק געזאָגט.

— זי וועט זיך באַרואיקן — האָב איך געזאָגט.

ער האָט אַזוי געטאָן, ווי איך האָב אים געבעטן, און ס'איז ווידער געוואָרן רואיק. אָבער בלויז אויף א שטיקל צייט. אין שטוב האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער הונגער. און דעמלט האָב איך אַ טראַכט געטאָן: מע דאַרף אויסקאָמבינירן א ביסל געלט, ס'זאָל זיין פאַר וואָס שפּייז צו קויפן. איך זאָג צו דער פרוי:

— איר ווילט פאָרן קיין וואַרשע?

— נאָך וואָס?

— מיר האָבן נישט וואָס צו עסן. מע דאַרף נייטיק פאָרן קיין וואַרשע. איך וועל אייך געבן א ביסל אַדרעסן.

— וועלכע אַדרעסן?

— איך האָב אין וואַרשע באַקאַנטע. פּאָליאַקן, קריסטן. איר וועט זיי זאָגן, אַז איך האָב אייך געשיקט.

— זיי וועלן אויסגעבן.

— איך האָב בלויז אַזעלכע באַקאַנטע, וואָס וועלן נישט אויסגעבן.

— איך וועל נישט פאָרן.

— פאַרוואָס?

— איר ווייסט נישט, וווּ איך אַרבעט?

— איך ווייס, אין שטאָט־פאַרוואַלטונג.

— און וואָס זאָל איך זאָגן דעם דייטש? אַז איך פאָר קיין וואַרשע מיט אַדרעסן?

— איר וועט נעמען אַ באַפרייונג פון דאָקטאָר.
— ער וועט נישט געבן.
— עס פעלט דאָ סאַנאַטאָריעס? איר וועט נעמען אַ באַפרייונג פון אַ וועלכן ס׳איז באַקאַנטן דאָקטאָר.
— איך בין פולשטענדיק געזונט.
— זאָל מען אייך מאַכן אַ דורכלייכטונג, ווער וועט עס זאָגן „אויפן אויג״, אַז אייך איז עפּעס?

זי איז געגאַנגען. און נאָך דעם איינעם וויזיט איז געווען גליק און אומגליק.

ווי איז דאָס מעגלעך? וועל איך באַלד דערציילן. איר האָט צייט? די פרוי איז געווען אין דער סאַנאַטאָריע, אין וועלכער מען אונטערזוכט דעם אַרבעט־פּערסאָנאַל, און זי האָט זיך געמאָלדן צום דאָקטאָר מיט דער ביטע מע זאָל איר מאַכן אַ דורכלייכטונג. זי גייט אַריין אין וואַרטע־זאַל און גיט אַ קוק, בלויז דייטשן. נייך, נישט בלויז. עס האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט אויך אַ פּאַרשוין, וועלכער האָט גערעדט אויף דייטש און אויף פּויליש. פונוואַנען האָט מען דאָס געוווסט? ווייל ווי די דאָזיקע פרוי האָט אַ פרעג געטאָן אויף פּויליש וועגן דאָקטאָר, דאַן האָט דער פּאַרשוין צוגעוואָרפן אויף פּויליש זיינע דריי גראָשן, און אין וואַרטע־זאַל מיט די דייטשן האָט ער ווידער גערעדט דייטש. דער דאָזיקער מענטש איז אַלעמאָל אַריינגעגאַנגען, אַ רעד געטאָן מיט דעם דייטש, מיט יענעם דייטשקע, און ווידער אַרויס. עס איז געווען צו זען, אַז ער איז מיט זיי פּאַני־בראַט און אַז ער איז אין דער

סאַנאַטאָריע, ווי ביי זיך אין דער היים. ווער איז ער? דאָס האָט זי נישט געוווסט. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער פּאָלקס־דײַטש אָנגעהויבן שמועסן מיט דער פרוי, מיט דער באַלעבאָסטע פון דער וווינונג. צוליב וואָס האָט ער דאָס געטאָן? צי האָט ער זיך געוואָלט דערוויסן ווער זי איז? און אפשר איז זי אים געפעלן געוואָרן? גענוג, אַז שוין דעמלט, אין דעם דאָזיקן וואָרטע־זאַל, האָט זיך אָנגעהויבן דער פלירט פון זיין זייט, ווייל דער פרוי איז אַפילו אין געדאַנק נישט גע־קומען אָנצוהייבן מיט אַזאַ טיפּ. דערווייל זענען אין רענטגען־קאַבינעט אַרייגעגאַנגען מענטשן און אַרויס־געגאַנגען, פרויען, מענער, לויט דעם ווי מע האָט זיי אויסגערופן. ענדלעך איז געקומען די ריי אויף דער פרוי. ווען מ׳האָט זי אַריינגערופן, איז זי אַריין אין א פינצטערן קאַבינעט, וווּ עס האָט אַמטירט אַ דאָקטאָר.

— ביטע זיך אויסטאָן — האָט זי דערהערט א שטים.

די פרוי האָט שנעל אַראָפּגעצויגן איר אָנטועכץ און אַוועקגעשטעלט זיך אונטער דעם עקראַן.

— ביטע אַראָפּנעמען דעם ביוסטהאַלטער.

— ס׳איז מיר קאַלט.

— אַזוי קען איך נישט דורכלייכטן.

— די פרוי האָט אויסגעטאָן דעם ביוסטהאַלטער, אָבער פון גרויס דענערווירונג האָט זי אים אַרויסגע־לאָזט פון דער האַנט, און ווען זי האָט אין א ווײַלע אַרום זיך איינגעבויגן, כדי אים אויפצוהייבן פון דער

פּאָדלאָגע, האָבן אירע פינגער אָנגעטאַפּט עפּעס א זאַך. דאָס איז געווען א קיילעכדיקע מעטאַלענע זאַך, אָבער וואָס?

זי האָט זיך שנעל אומגעקערט אַהיים און מיר געוויזן די זאַך. דאָס איז געווען א גאָלדענע בראַנזאַלעטקע.

— ביי וועמען האָט איר דאָס געגנבעט?

די פרוי האָט אויסגעשאָסן אין אַ געוויין.

— פּאַניע העניעק, וואָס רעדט איר, וואָס? איך האָב געגנבעט?

— און פונוואַנען האָט איר דאָס?

זי האָט מיר דערציילט, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַבינעט פון דאָקטאָר.

— דאָס האָט געמוזט פאַרלירן עפּעס א דייטש, אָדער א דייטשקע — האָט זי געזאָגט.

— איר קענט תלמוד? אין תלמוד זאָגט זיך: וואָס עס קומט מיטן ווינט, גייט אַוועק מיטן ווינט.

— פּאַניע העניעק — האָט די פרוי געזאָגט — איר וועט זיכער בלייבן לעבן.

ווייל ס׳איז געווען פון וואָס צו לעבן! די פרוי האָט די בראַנזאַלעטקע פאַרקויפט, מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום סקרופּולן. ווער ווייסט, ביי וועמען דאָס איז צוגערויבט געוואָרן? אָבער גוט איז נישט געווען. מיר האָבן געהאַט וואָס צו עסן, נאָר ס׳איז אונדז געשען אַן אומגליק נאָך ערגער פון הונגער: דער פאָלקסדייטש, וואָס די פרוי האָט באַגעגנט אין סאַ־

באַטאָריע, האָט זיך אָנגעהויבן צושאַרן צו איר; ער האָט זי אָפּגעוואַרט אין גאַס, באַגלייט אַהיים און נאָך א ביסל, און ער וועט זיך אָננעמען מיט דרייסטקייט אַריינצוקומען אין שטוב.

ער האָט געהייסן פּענדזיק, געווען אַ פֿאָלקסדייטש און אויסגעגעבן פּאָליאַקן. ער האָט געהאַט אויפֿן געוויסן אַלע קאָלעגן. ער האָט זיי אויסגעגעבן אויף טויט. און וועגן אים וועלן מיר איצט א שמועס טאָן.

געקומען איז ער צו אונדז אין חודש יולי 1943. פֿונוואַנען? פֿון קאָנסטאַנצין. דאָרט איז שוין פֿאָרגעקומען אויף אים אַן אַטענטאַט. אין א געוויסן טאָג זענען געקומען צו אים צוויי מענטשן, כלומרשט נאָך באַצאָלץ פֿאַרן עלעקטרישן שטראָם, זיי האָבן אויסגעשאָסן, אָבער זיי האָבן דעם הינטישן זון אין האַרץ נישט געטראָפֿן, נאָר אין די לונגען. און אויב לונגען, פֿאַרשטייט איר דאָך, איז גלייך צו אונדז. מען האָט אים א ביסל פֿאַרלאַטעט, אָבער פֿון סאַנאַטאָריע איז ער נישט אַרויסגעגאַנגען, ווייל ער האָט מורא געהאַט, מע זאָל אים נישט נאָכאַמאָל אונטערשיסן. ווי ער האָט באַקענט די פֿרוי, ביי וועלכער איך האָב געוווינט, האָט זיך אים פֿאַרגלוסט אַ פֿלירטעווע צו טאָן. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין, און ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז זי איז אַליין, אַז זי האָט א וווינונג, האָבן ערשט דעמלט אָנגעהויבן געבוירן ווערן אין זיין קאָפּ פֿאַרשידענע ליבע־פּלענער. איך האָב זיך וועגן דעם איבערצייגט אין יענעם אָוונט, ווען ער

איז אַריינגעקומען אין דער שטוב, ווו איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן.

עס איז שוין געווען ביינאַכט, די פּאָליציי־שעה, קיין שום אָרנטלעכן מענטשן איז נישט געווען דער־לויבט אין דער צייט צו גיין אין גאַס, ווען עמעצער האָט פּלוצעם אָנגעקלאַפּט. איך בין געשטאַנען אין קיך אין די סקאַרפּעטן און כדי זיך אַריינצובאַקומען אין דעם צימער, אין וועלכן עס איז געווען מ יי ן אויוון, האָט מען באַדאַרפט דורכגיין א קאָרידאָרל. אָבער טאַקע ביי דער טיר פון דעם קאָרידאָרל איז עמעצער געשטאַנען און געקלאַפּט, און דאָס נאָך אין דער פּאָליציי־שעה! איר פאַרשטייט?

— ווער איז דאָרט? — האָט די פרוי געפרעגט.

די האָר האָבן מיר זיך געשטעלט אויפן קאָפּ. כ׳האָב געפילט ווי א פראָסט נעמט דורך אַלע מיינע ביינער. דאָרט שטייט עמעצער און קלאַפּט, וויל אַריינגיין, און איך קען נישט אַריבערשפּרינגען אין דעם צימער, ווו עס געפינט זיך דאָס באַהעלטעניש.

— ביטע, עפנט, דאָס בין איך.

די פרוי האָט שוין דערקענט לויטן קול, דאָך האָט זי געפרעגט:

— ווער אַזעלכער?

— דאָס בין איך, פּענדזיק, ביטע עפנט.

— וואָס ווילט איר?

דער שמועס איז פאָרגעקומען דורך דער טיר, און איך בין אַליין געשטאַנען אין קיך און זיך צוגעהערט.

וואָס זאָל איך טאָן?

— איך בין געקומען נאָר אויף אַ ווײַלע — האָט ער געשטאַמלט.

מיט דער האַנט האָב איך אַ רוף געטאָן די פרוי. און ווען זי איז אַרײַנגעקומען אין דער קיך, האָב איך שטיל געזאָגט:

— טוט אײַך אויס.

— וואָס?

— טוט אײַך אויס ביז דער אונטערוועש.

— צוליב וואָס?

— שנעל, טראַכט נישט צו לאַנג.

— אָבער צוליב וואָס?

— איר וועט זיך אויסטאָן ביז דער אונטערוועש און דערנאָך וועט איר עפֿענען די טיר אויפֿן קייטעלע.

— און וואָס ווײַטער?

— איר וועט אים זאָגן, אַז איר וואַשט זיך און גייט זיך שוין לייגן שלאָפֿן.

— און דערנאָך?

— אַז ער זאָל קומען מאָרגן.

— און וואָס וועט זײַן מאָרגן?

— מיר וועלן אַ טראַכט טאָן. איצט קען ער דאָ נישט אַרײַנגיין.

— איך וויל וויסן, וואָס מאָרגן וועט זײַן!

— און פֿונוואַנען זאָל איך וויסן?

זי האָט אַראָפּגענומען פֿון זיך די בלוזקע, אַרויס־

געגאַנגען אויפן קאָרידאָר, אויפגעעפנט די טיר אויפן קייטל און געזאָגט:

— אין דער רגע, פאַניע פענדזיק, האָב איך זיך געוואשן, כ'האָב געמוזט נעמען דעם האַנטעך.

— ביטע, איך וועל צוואַרטן — האָט דער היצעל געענטפערט מיט אַזאַ ליבלעך געמאַכט שטימעלע, און איך שטיי אַליין אין קיך און קען נישט אַריבער־גיין אין דעם צימער מיטן אויוון. און די פרוי זאָגט אין דער שפּאַרונע פון דער טיר:

— איר זעט, איך נאר אייך נישט אָפּ. קומט מאָרגן.

— און וואָס וועט זיין מאָרגן?

איר זעט, ווי אויסטערליש? מיט א מינוט צוריק האָט די פרוי, וואָס שטייט אויף דער זייט טיר, מיך געפרעגט: און וואָס וועט זיין מאָרגן? און איצט האָב איך די זעלבע פראַגע געהערט פון פאַלקסדייטש, וועלכער איז געשטאַנען אויף די טרעפּ. „און וואָס וועט זיין מאָרגן?" איך האָב זיך אַליין געפרעגט דאָס זעלבע, ווייל ווען האָב איך געקענט שטעלן אַזאַ נאַרישע פראַגע? אייך? דעם רבי? א וועלכן ס'איז רבי?

— א שאָד, וואָס איר האָט מיר פריער נישט אָנגעזאָגט   האָט די פרוי געזאָגט צו פענדזיקן — איך וואָלט עפּעס צוגעגרייט. זאָלן מיר דאָס איבער־לאָזן אויף מאָרגן.

ער איז נאָך דאָרט געבליבן שטיין הינטער דער טיר, דערציילט פאַרשידענע זאכן, ענדלעך האָט די

פרוי געזאָגט, אַז ס'איז איר קאַלט, און פאַר דער נאָז אים צוגעהאַקט די טיר. איר פרעגט אויף ווי לאַנג? אויף אייביק. דאָס איז כמעט, ווי אין א מעשהלע. ווייל צומאָרגנס האָט מען אים אונטערגע־שאָסן אין מיטן גאַס. ווער? די אָרגאַניזאַציע. צי איך האָב זיך דערפרייט? אויך מיר א פראַגע! זיכער, האָב איך געהאַט גליק, ווייל אויב ווּעמען איז אָנגע־שריבן, אַז ער דאַרף לעבן, וועט ער לעבן, און ווּעמען ס'איז באַשערט אומצוקומען, וועט מוזן אומקומען. פאַרוואָס זענט איר מיט מיר נישט מסכים? ווייל מיליאָנען זענען געוואָרן פאַרגאַזט? זיכער, איז דאָס געווען א מאָרד.

וועגן דעם, אַז מען האָט אים דערשאָסן, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט אין אָוונט, ווען די פרוי האָט זיך אומגעקערט פון דער ארבעט אַהיים. זי האָט וועגן דעם פאקט געוווּסט נאָך בייטאָג, און איך האָב דערווייל זיך געבראָכן דעם קאָפּ, געטראַכט, ווי קריכט מען אַרויס פון דער סיטואַציע, אָבער איך האָב גאָרנישט געקענט צוקלערן. איך האָב געטראַכט: זאָל געשען וואָס עס וויל. די פרוי וועט מוזן אַרויס־גיין ערגעץ אויף נאַכט־לעגער צו עפּעס א באַקאַנטע, און איך וועל אַריינקריכן אין אויוון און זיצן אַזוי לאַנג, וויפל ס'וועט נייטיק זיין. און דאָ פּלוצעם אַזאַ ידיעה!

פאַרשידנס טראַכט א מענטש אין אַזעלכע מינוטן. איינער וואָלט זיך אָנגעטרונקען פון פריידֿ, אַ צוויי־

טער וואָלט גאָט געדאַנקט, א דריטער וואָלט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, און איך גאָרנישט, ווייל איך האָב אַן אורטייל, וועלכער ווערט אַזוי לאַנג זיין גילטיק, ווי לאַנג אונדזערע שונאים וועלן לעבן. א וועווערקע קען שפּרינגען איבער דעם בוים, א הונט קען דורכ־גיין די גאַס, האָט מער שאַנסן דורכצולעבן, און פאַר מיר ווערט עמעצער קריגן א פּרעמיע. איז וואָס קען איך האָבן פון דעם דאָזיקן כוס בראָנפן, אָדער פון דער תּפילה צו גאָט? איר זאָגט, אַז א מענטש זוכט באַרואיקונג אָדער אין בראָנפן, אָדער אין א תּפילה? איז וואָס דערפון געדרונגען? עס גייט דאָך נישט אין דעם, וואָס איר טראַכט, נאָר וואָס טראַכט און פילט דער מענטש, וועלכער אין געיעג נאָך באַרואי־קונג פּרוווט דאָס אַמאָל דערגרייכן אין בראָנפן, און א צווייט מאָל אין א תּפילה צו גאָט. איך וואָלט אַזוי לייכט נישט פאַראורטיילט קיין מענטשן, מע דאַרף זיין פאָרזיכטיק. צי איר זענט שוין אַמאָל געווען אין דער סיטואַציע פון א באַגראָבענעם מענטש, וועלכער פאַרמאָגט שוין גאָרנישט — נישט קיין אייגענע, נישט קיין מיטלען צום לעבן, נישט קיין האָפענונג. איז צוואָס רעדט איר?

אָבער דערמיט האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. אין א געוויסן טאָג קומט צוגיין די פרוי אין שטוב אין מיטן טאָג, ווען זי וואָלט נאָך באַדאַרפט זיין אין ביוראָ און זאָגט, אַז זי האָט געהערט, דאָס די גאַנצע געגנט, אין וועלכער מיר וווינען דאַרף איבערגיין

צו די דייטשן אין משך פון דריי שעה, און איך מוז אַרויסגיין.

— וווהין? — פרעג איך.

— וואָס פרעגט איר מיך?

— ווע־מען דען? זאָל איך אַרויסגיין אויף דער גאַס און פרעגן דעם ערשטן בעסטן דורכגייער?

— פאַניע העניעק — זאָגט די פרוי — איר מוזט זוכן אויף דער אייגענער האַנט.

— גוט, איך וועל זוכן.

וואָס זאָל איך זאָגן דער פרוי? ווו האָט זי גע־קענט נעמען א וווינונג פאַר מיר? אָבער ווו זוכן? מען האָט באַדאַרפט ריזיקירן.

אין שטוב איז געווען אן אַלטער צעריסענער אַנצוג, וועלכן איך האָב געטראָגן, ווען איך האָב צע־נומען דעם אויוון. איך האָב דעם אַנצוג אָנגעטאָן. ארומגעוויקלט זיך מיט אַ שנור, אין איין האַנט גע־נומען אן עמער מיט א בערשטל, אין דער אַנדערער א לייטער און זיך געלאָזט גיין. ווי אַזוי האָב איך געוואגט? וועל איך אייך באַלד אויפקלערן.

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן, האָב איך נישט געגאָלט די וואָנצעס, נאָר וואָס מיר פאַר וואָנצעס! איצט האָבן זיי שוין אויסגעזען ווי גאַנצע בעזעמער. איך האָב נישט פאַרויסגעזען, אַז זיי וועלן מיר אַזוי צונויץ קומען. ווער וואָלט זיך עס פאַרגעשטעלט, אז דער דאָזיקער הויכער דאַרער מאַן מיט וואָנצעס ווי בעזעמער, מיט א היטל אַראָפּגערוקט

אויף די אויגן, ווי אַ לאַמפּנפּוצער, מיט אַן אַנצוג פּאַרכליאַפּעט מיט פאַרב און וואַפּנע, מיט אַ מאַלער־לייטער אויף די פּלייצעס, וועלכער שפּאַנט אין מיטן העלן טאָג דורך דער שטאָט — אַז דער דאָזיקער מאַן, דאָס בין איך, הערש פּנחס דער מילכיקער! ניין, דאָס וואָלט קיינער זיך נישט געקענט פאָרשטעלן. און ווען איך וואָלט זיך אַליין געקענט טרעפן אין גאַס, וואָלט איך געפרעגט: פּאַניע העניעק, איר לעבט נאָך, גייט, רעדט מיט מענטשן?

דאָ וווינט ביי אונדז איינער אַן אינזשיניער, זיין נאָמען איז וואַשקעוויטש. איר קענט אים נישט? זיין ברודער אָדער קוזין שרייבט ביכלעך, משמעות. טשע־קאַווע, אַזוי זאָגט מען. נאָך דעם אויסברוך פון דער מלחמה, ווען איך האָב אויפגעהערט צו זיין אַ מילכי־קער און די פירמע מיטן פּעטשאַט איז אונטערגעגאַנ־גען, האָב איך געהאַט פאַרשידענע אַרבעטן ביי דעם דאָזיקן אינזשיניער. און איצט האָב איך אַ טראַכט געטאָן: העניעק, דו וועסט גיין צום אינזשיניער וואַש־קעוויטש בעטן הילף.

מען האָט באַדאַרפט אַרויסגיין אין גאַס אין מיטן העלן טאָג.

גיי איך. כ׳גיי מיטן לייטער און קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן, קיינעם גייט גאָרנישט אָן. גייט זיך אַ מאָלער, זאָל ער גיין, ביז איך בין דערגאַנגען צו דער ווילע פון אינזשיניער וואַשקעוויטש. דאָס איז פּונקט אַנטקעגנאיבער דער באַן־ליניע, איר ווייסט,

ווו דאָס איז? נאָענט. איז אַרויסגעגאַנגען צו מיר די פרוי פון אינזשעניער און זאָגט, אַז דער מאַן איז נישטאָ אין דער היים, נאָר ער וועט באַלד קומען, איך קען צוואַרטן. זי האָט נישט דערקענט. זי האָט נאָר געזאָגט, אַז זי ווייסט נישט צוליב וואָס דער אינזשעניער האָט באַשטעלט א מאָלער, ווייל קיין שום אַרבעט איז נישטאָ. איך וואַרט און וואַרט, ענדלעך איז דער אינזשעניער געקומען. א פאַרסאָפּעטער, אַ בייזער. איך ווייס, ער האָט נישט קיין טאַרמאָזן. ער האָט א קוק געטאָן אויף מיר און זאָגט:

— דאָס ביסטו?

— איך.

ער האָט אַפילו מיין נאָמען נישט אַרויסגעזאָגט. דער אינזשעניער האָט א גוט אויג, ער האָט באַלד דערקענט.

— וואָס ווילסטו? — פרעגט ער.

— אַ באַהעלטעניש.

— פאַרוואָס ביי מיר?

— איך האָב צוטרוי.

— אַ דאַנק — זאָגט דער אינזשעניער. — דו האָסט צוטרוי, און איך האָב נאָר איין לעבן.

— אַ דאַנק — זאָג איך, ווייל איך פאַרשטיי זיך אויף העפלעכקייט.

— פאַר וואָס דאַנקסטו? — פרעגט דער אינזשעניער.

— ווייל איך האָב שוין נישט ווו צו גיין, אויסער אויף דער זשאַנדאַרמעריע זיך צו פאַרמעלדן.

— ווילסט באַשווערן מיין געוויסן? — זאָגט דער אינזשיניער.

— פאַניע אינזשיניער, צי קענט איר תלמוד? אין תלמוד שטייט געשריבן...

— העניעק — רייסט מיר איבער דער אינזשי־ניער — צו וואָס טויג מיר דיין תלמוד? אויב דו גלויבסט אין אַזאַ גאָט, וואָס קוקט דאָס אַלץ צו און דערלויבט, טאָ רעד מיר שוין נישט וועגן זיינע גע־באָטן.

— זיינע געבאָטן זענען פאַר די, וואָס גלויבן אין אים, און נישט פאַר די, וואָס ברענגען אום גלויביקע.

— העניעק — זאָגט דער אינזשיניער מילד — צוליב דעם ביסטו געקומען אַהער? איך האָב מיין קוק אויף דעם ענין.

— צי קען איך וויסן אייער קוק? — פרעג איך, ווייל איך פאַרשטיי זיך אויף העפלעכקייט.

— אויף איבער נאַכט זוך זיך אויס עפּעס א לאָך צין די געבייען הינטערן הויז, אַז מע וועט דיך גע־פינען, וויים איך פון גאָרנישט. און בייטאָג וועסטו אַריינקומען אין שטוב, וועסט נישט זיין הונגעריק. נאָר קוק זיך גוט אַרום. וועסט זיצן אויפן גאָרן, עס זאָל נישט באַמערקן קיינער, וואָס וועט אַריין אין קיך פון אונטן. און גיב אַכטונג, צי עס דערנעענ־

טערט זיך נישט קיין שום פּאַרדעכטיקער. דאַן פאַר שווינד אין באַהעלטעניש הינטערן הויז.

— א דאַנק.

די גאַנצע נאַכט בין איך איבערגעזעסן אין דער לאָך. עס איז געווען זומער, וואָס פאַר א ראָל האָט עס ביי מיר געשפּילט! העניעק קען דעם וואלד, הע־ניעק ווייסט אַלץ וועגן וואלד און פעלד. די לופט שמעקט, די בלעטער רוישן, פאַרטאָג איז אַ נעפּל, אַ ראָסע, קילבלעך, די פייגעלעך וועקן זיך פון שלאָף. די פייגל האָבן שאַנסן איבערצולעבן, די הינט, די קעץ, די ווערעמעס, און איך וואָס? ניין, איך האָב נישט קיין שאַנס. איך זיץ אַזוי אין האָלץ־שטעלעכל און טראַכט, באַקלער. ביינאַכט איז געווען אַן אָנפלי, מע האָט אַראָפּגעלאָזט די זשיראַנדאָלן און ביז זיי זענען נישט פאַרשוונדן, בין איך מיר געשטאַנען אויפן הויף און געקוקט, און געקוקט, אַזוי הערלעך איז דאָס געווען. דער מענטש פאַרגעסט אין דער וועלט, אין די שונאים, אין געפאַר, נאָר דאָס האַרץ האַמערט, איך זאָג איך, אַז איך וועל איבערצוגעבן.

גאַנצפרי בין איך אַריינגעגאַנגען אין שטוב. מיר האָבן אָפּגעגעסן פרישטיק און שמועסן. וועגן וואָס קען שמועסן א מת, דער דערשאָסענער הערש פּנחס, מיט דעם אינזשיניער וואַשקעוויטש? וועגן באַקאַנטע. און וועגן וועמען איך זאָל נאָר נישט פרעגן, ענטפערט ער: טויט, אָדער אין לאַגער, אָדער אין וואלד...

מיר שמועסן זיך אַזוי, עס איז שוין געווען אַ פערטל נאָך עלף, איך גיב א קוק דורכן פענצטער — עס גייען זשאַנדאַרן מיט הינט. וווהין גייען זיי? צו וועמען גייען זיי? זיי זענען אַדורך די ליניע און גייען גלייך צום הויז פון איגזשיניער וואשקעוויטש. נאָך מיר — האָב איך א טראכט געטאָן. נישט, אַז זיי גייען נאָך מיר, כדי מיך צו פאַרנעמען, נאָר אַז ס׳איז שוין נאָך מיר, שלוס.

איך האָב אַזוי א טראכט געטאָן און געגעבן אַ קוק אויף דעם איגזשיניער, אויף זיין ווייב, ערשט זיי זענען ווייס ווי א מת. וואָס איז געשען? — טראכט איך זיך. ערשט נעכטן בין איך געקומען, איבערגעשלאָפן בלויז איין נאַכט, און שוין היינט פרי ווייסן די זשאַנדאַרן, ווו איך געפין זיך? אַנטלויפן האָב איך נישט געקענט, ווייל דער אַרויסגאַנג איז געווען פונקט אַנטקעגנאיבער דעם וועג, אויף וועלכן די זשאַנדאַרן זענען געגאַנגען.

— דורך דאַנען — זאָגט דער איגזשיניער און ער עפנט אויף דאָס פענצטער.

דער ערשטער שטאָק — איר פאַרשטייט? נאָר איך ווארט נאָך, אפשר וועלן זיי פארקערעווען. און ווי זיי זענען צוגעקומען צום הויז, האָב איך מיר געזאָגט: שוין! און איך בין אראָפגעשפרונגען. איך בין אראָפגעשפרונגען נישט אויף די פיס, נאָר אויף די הענט, ווייל איך האָב מיר אַזוי געטראכט: אויב איך וועל מיר צעברעכן א פוס, וועל איך נישט קענען

לויפן, שוין בעסער צו צעברעכן א האַנט. און איך בין פון זיי אַנטלאָפן. אָבער עס איז געווען העלער טאָג, ווי אַזוי אַנטלויפן, ווו אַנטלויפן? איך בין אַדורך לעבן א חרוב הויז, נאָך פון 1939, איך זע או־מעטום, לעכער, גריבער, ענדלעך בין איך אַריין אין אַ גאַרע און, אַוועקלייגנדיק זיך מיטן פנים צום הימל, האָב איך אָנגעהויבן צודעקן דעם קערפּער מיט ציגל, וועלכע זענען געלעגן אַרום: איך האָב אָנגע־וואָרפן ציגל אויף די פיס, אויף דעם בויך, אויף דער ברוסט, אויפן פנים און איך ליג. ווען עמעצער זאָל דאָרט אַרום דורכגיין, וואָלט ער געמיינט, אז דאָ ליגט עפּעס א טויטער און ער וואָלט אַוועקגעגאַנגען ווײַ־טער. און ביי דערביי טראַכט איך מיר: וואָס וועלן טאָן די דאָזיקע הינט, וועלכע זענען געגאַנגען מיט די דייטשן? אויב זיי וועלן אָנהייבן שמעקן, וועלן זיי מיך דאָ געפינען. און נאָך טראַכט איך: פאַרוואָס שי־סן זיי נישט? איך בין געלעגן אונטער די ציגל און זיך געבראָכן דעם קאָפּ און געטראַכט, אָבער איך האָב גאָרנישט נישט געקענט אויסקלערן. קיינער האָט זיך לעבן מיר נישט פאַרהאַלטן, ווייל אין אַזעל־כע צייטן וואָלט זיך קיין שום מענטש נישט פאַר־האַלטן ביי דעם טויטן קערפּער פון א צווייטן מענ־טשן. איר פרעגט, פונוואַנען האָבן די דייטשן געוווּסט, אז איך בין אין דעם הויז פון אינזשיניער וואַשקעוויטש? זיי האָבן טאַקע נישט געוווּסט. זיי זענען געקומען פאַרנעמען ביי אים דאָס מעבל, זיי

האָבן אַפּילו די הינט נישט אַריינגעלאָזט, זיי זאָלן זוכן דעם אַנטלאָפּענעם. זיי האָבן נישט געוווסט וועגן מיין עקזיסטענץ. ווען איז דאָס געווען? איך וועל אייך באַלד זאָגן: דאָס איז געווען אין מאַי 1944.

איך ליג אַלזאָ אין דער דאָזיקער נאָרע צוגע־דעקט מיט ציגל און טראַכט: וואָס וויטער טאָן? ווו גיין? אַרומשלעפּן זיך איז נישט דערלויבט, זוכן, טאַפּן, קלאַפּן איז מיר אויך נישט דערלויבט. איך מוז אַזוי אויסקאָמבינירן, אַז וויבאַלד איך וועל שוין ערגעץ אַריינגיין, איז כדי צו בלייבן. און וווהין, מיינט איר, בין איך געגאַנגען. אויף דער דעמבאָווע גאַס נומער 17 וווינונג 6. צו מיין אויוון. אַזוי איז עס. מיליאָנען יידן האָבן די אויוונס פאַרברענט, און מיך האָט דער דאָזיקער אויוון אָפּגעראַטעוועט.

אָ, דאָס איז א שיין שטיק, עס נעמט ביים האַרץ. איר ווייסט וואָס דאָס דערמאָנט? זמירות. איר האָט קיינמאָל נישט געהערט? דאָס זענען אַזעלכע לידער וואָס מע זינגט שבת. אַזעלכע יידישע לידער. ניין, ניין, איר האָט רעכט. דאָס איז נישט קיין יידיש ליד. פון אַן אָפּערע? מעגלעך, איך קען זיך נישט דערויף. איר ווייסט אַוודאי בעסער. און דאָס איז אַפּילו גוט, וואָס איר ווייסט. פאַרוואָס? איך וועל אייך באַלד זאָגן.

אַלזאָ, שטיי איך אַזוי פאַר דעם הויז אויף דעמ־באָווע 17 און קוק אַרויף אין דער הייך צום פענצטער פון דער וווינונג 6. און וואָס זע איך? אין דער קיך

פארהאלט זיך פון צייט צו צייט ביים פענצטער די פרוי, ביי וועלכער איך האָב געוווינט, און אין צימער, אין וועלכן עס שטייט מ יי ן אויוון, איז פינצטער, דאָס הייסט, אַז דאָרט איז קיינער נישטאָ. דאָס איז גוט, צי שלעכט? ווי מיינט איר? ריכטיק! איך האָב אויך אַזוי געטראַכט און גלייך ארויף אין דער הייך. איך קלאַפּ אָן, איך הער, עס עפנט זיך די טיר פון דער קיך, און דערנאָך דערהערט זיך א שטימע ביי דער טיר, אין קאָרידאָר:

— ווער איז דאָרט?

— העניעק.

זי האָט אויפגעעפנט די טיר שטיל, זייער שטיל, קיינער זאָל פון אונטן נישט הערן, איך בין אַריבער די שוועל און גלייך אויסגעטאָן די שיך, דערנאָך שוין אין די סקארפעטן בין איך אַריין אין צימער קאָנטראָלירן, צי ער איז דאָ. ער איז געווען. געשטאַנען אויף זיין אָרט, א ווייסער, א גלאַטער, א ריינער. מיין אויוון!

— גוט, וואָס איר האָט זיך אומגעקערט — האָט געזאָגט די פרוי — מע גיט איינגאַנצן נישט איבער די דייטשן די געגנט. איך האָב נישט געוווסט, ווו איך צו זוכן.

— א דאַנק, וואָס איר זענט אַזאַ גוטע. אפשר ווייסט איר פאַרוואָס נעכטן האָבן זיי די געגנט גע־וואָלט צונעמען און היינט ווילן זיי שוין נישט?

— איך ווייס, ווייל די סאָוויעטן דערנעענטערן זיך צו כעלם.

— כעלם איז ווייט — האָב איך געזאָגט — דאָ איז יוזעפאָוו.

— דאָס איז נישט ווייט.

— איך האָב נישט קיין צייט.

— אפשר וועט איר אָנקלינגען זיי זאָלן זיך צו־איילן.

— א דאַנק פאַר אזא גוטע עצה — האָב איך געזאָגט — דאָס איז אן אמתע כעלעמער עצה.

— איך פאַרשטיי נישט.

— אין די יידישע מעשיות שמען די איינוווינער פון כעלם מיט זייער נאַרישקייט.

— וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?

— צי שטאַמט איר דען פון כעלם?

— ניין, פון אָטוואָצק.

— טאָ צוליב וואָס שרייבט איר זיך פרייוויליק צו צו א צווייטער שטאָט?

— דאָס האָט איר אָנגעהויבן מיט דעם כעלם.

— אך, ווען וועלן מיר שוין אַרויספאָרן פונ־דאַנען?

— ווהין?

— אַפילו קיין כעלם.

— אָט ערשט האָט איר גערעדט שלעכט וועגן די איינוווינער פון דער שטאָט.

— איך וואָלט זיך שוין אונטערגעחתמעט ביים נאָטאַריוס, אַז איך בין גרייט זיך דאָרט צו געפינען, אָבער שוין. און מיר האָבן זיך דערוואַרט.

עס האָט זיך געפילט, אַז די פרייהייט קומט צו אַלץ נעענטער, אַלץ נעענטער. צי איר האָט אַמאָל געהערט ווי עס פּאָרט אַ צוג? ביין, נישט אויף א סטאַציע, נאָר באַנאַכט אין א פינצטע־רער וווינונג, ווען אויף יענער זייט פון הויז איז א דאָפּלט־דאָפּלטע פינצטערניש. א דאָפּלט־דאָפּלטע פינצטערניש? ווי דאָס איך געבן צו דערקלערן? עס איז פאַראַן איין פינצטערניש, א געוויינלעכע, און צו דער פינצטערניש קומט צו נאָך א צווייטע, אָבער א שטאַרקערע. איר פאַרשטייט נישט? פאַרוואָס זאָלט איר נישט פאַרשטיין? וועל איך אייך זאָגן אַזוי: איר טרינקט בראָנפן? איך האָב פאַרשטאַנען. אַלזאָ, איר טרינקט אויס איין גלעזל בראָנפן, נאָך דעם א צווייטס, אָבער דאָס איז אַלץ בראָנפן. און א דאָפּלט־דאָפּלטע פינצטערניש איז אַזוי, ווי איר זאָלט נאָך אַ גלעזל בראָנפן אויסטרינקען א גלעזל ספּירט. צי איז דאָס דאָס זעלבע? לויטן נאָמען יאָ, ווייל דאָס איז אַל־קאָהאָל און יענץ איז אַלקאָהאָל, אָבער צי איז עס דאָס זעלבע?

אין אַזאַ פינצטערניש, אַז אַ צוג פּאָרט, איז אין אָנהייבס הערט איר אים נישט, דעם לאָקאָמאָטיוו זיינעם, מע הערט נאָר דאָס קלינגען פון די שויבן אין דער אייגענער וווינונג. דער צוג קען נאָך זיין זייער

ווייט, אפשר 100, אפשר 500 קילאָמעטער, עס חלומט זיך נאָך קיינעם נישט, אַז ער פאָרט, נאָר די שויב ביי איך אין צימער טעלעגראַפירט שוין, אַז ער איז דאָ, אַז ער גייט. און אַזוי פּאַמעלעך, פּאַמע־לעך רוקט זיך אַריין דאָס גערויש און דער אימפּעט פון דער לופט אין דער נאַכט, נעמט זי אַדורך מיט רעש און מיט טומל, ער איז שוין אַלץ בעענטער און נעענטער, און איצט קלינגען שוין נישט בלויז די שויבן, נאָר אויך די לעפל קלינגען, און די גאָפּל, און די מעסערס, וועלכע ליגן זיך אין שופלאָד. און עס קלינגען די גלעזער אין קרעדענס, און די טעלער, און די שאָלן — דאָס גאַנצע פּאָרצעליי — און די עמאַלירטע טעפּ און די פון אַלומיניום אויך. ביז אין א געוויסן מאָמענט גיט דער צוג א פלי אַדורך נאָ־ענט לעבן פענצטער, דאָס הויז גיט זיך א טרייסל, א וואקל, און א ווײַלע אַרום איז שוין שטיל, אַלץ שטילער, ענדלעך ווערט אַלץ אַנטשוויגן אין דער ווייט, און אויף דער וועלט הערשט ווידער א גרוי־סע רו.

אַזוי איז אויך געווען מיט דער פרייהייט. ביי־טאָג האָב איך גאָרנישט נישט געזען, איך בין געזעסן אָדער אין אויוון, אָדער אין צימער, ציילנדיק די טעג און די שעהן. דערפאַר ביינאַכט... זעט איר, ביינאַכט האָט מען געהערט אַלץ: דאָס דונערן פון די האַרמאַטן, דאָס וואָרטשען פון די ביקסן, דאָס גערויש פון די מאָטאָרן. עס זענען נאָך געגאַנגען די דייטשישע

טאַנקען, אָבער מיין געהער איז שוין געווען אַזוי אויסגעשאַרפט, ווי ביי אַ בלינדן דאָס געפיל. ביז אין איינער אַ נאַכט האָב איך דערקענט: דאָס איז אַן אַנדער גערויש. עס האָבן זיך דערנענטערט אַנדערע מאַשינען — פון די רוסן. און די פּוטרינע ביי דער טיר איז שווארץ געוואָרן, אַ שוויס איז מיר געראָנען איבערן שטערן, איבערן פּנים און איך האָב שוין גאָרנישט געוווּסט וואָס מיט מיר טוט זיך.

איך האָב זיך אַזוי געטראַכט: אין אַזאַ מינוט שטאַרבן? צי שטעלט איר זיך פאָר אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד פון דענערווירונג איך האָב דעמלט גע־לעבט? עס איז שוין נישט געווען הערש פּנחס דער מיל־כיקער, און נישט דער הערש פּנחס, וואָס האָט פון דער בעטאָן־וואַנט אָפּגעלעקט מיט דער צונג מענטשלעכע געהירן צוזאַמען מיט די ביינדלעך — עס איז געווען אַן אַנדער מענטש, פאר וועלכן די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פונסניי, צום ערשטן מאָל. און ווען דעם 29־טן יולי 1944 זענען געקומען צו אונדז די סאָוויעטן און דאָס פּוילישע מיליטער, בין איך אַרויס אין גאַס אין די סקאַרפּעטן, ווייל די פיס האָבן זיך שוין אָפּגע־וווינט פון טראָגן שיך.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען, זענען אַ סך באַ־קאַנטע צוגעגאַנגען צו מיר, געגריסט זיך מיט מיר און געקושט. „העניעק, ביסט דאָ?" און איך האָב געזאָגט: „איך בין דאָ, ברודער, איך האָב איבערגע־לעבט".

אין דער ערשטער מינוט האָב איך געוואָלט גיין צום קסיאָנדז טשינסקי, דאַנקען אים פאַר דער אויפֿזיכט און פאַר אָפּראַטעווען דאָס לעבן, איך האָב אים אַפילו דערזען אויף דער גאַס, איך האָב געוואָלט שוין, שוין צוגיין, אָבער עס האָט עפּעס נישט געפּאַסט. איך, הערש פּנחס — דער מילך־ייִד וועל צוגיין אויף דער גאַס צו אַ קסיאָנדז און וועלן אים געבן די האַנט? איך האָב אָפּגעשלעפּט. גלייכצייטיק האָב איך באַמערקט, אַז אייניקע מיידן מיך אויס. ווי נאָר איך באַווייז זיך, אַזוי גייען זיי שנעל אַוועק, ווי זיי זאָלן מורא האָבן מיט מיר זיך צו טרעפן. איר קענט תּלמוד? אין תּלמוד שטייט געשריבן: „וואָרום דו וועסט שטאַרבן און נישט איבערבלייבן צווישן די לעבעדיקע". ווייל פאַרוואָס האָבן יענע באַדאַרפט מורא האָבן פאַר מיר? וואָס האָב איך זיי געקענט שלעכטס טאָן? נאָר זיי האָבן געקענט מיינען, אַז איך ווייס וואָס זיי האָבן געטאָן שלעכטס, און דעריבער האָבן זיי אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט מיר. עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. אין תּלמוד שטייט געשריבן: „די ערדישע ריכטער, צעשפּרייט ער ווי גאָרנישט". אָבער איידער וואָס, איידער ווען, וואָלטן זיי מיך דערהרגעט און גיי שריי חי וקים! וואָס דאָס באַדייט? אַן ערך, ווי גיין זוכן גערעכטיקייט ביי דעם רבונו־של־עולם. ווער? איך גלויב נישט? און ווער האָט דאָס אייך געזאָגט? אָבער אַ מענטש, וואָס ליגט אונטער אַ וואַנט מיט אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן, קען נאָך גלויבן אָדער נישט גלויבן אין גאָט?

איך בין דעם זעלבן טאָג אַנטלאָפן פון דאָרטן. איך בין געגאַנגען מיט דעם לובלינער שאָסיי, דאָרט איז דורכגעפאָרן א זעלנער מיט א ווילים, איך האָב אים פאַרהאַלטן און ער האָט מיך מיטגענומען קיין לובלין. צי דאָס איז געווען א באַקאַנטער זעלנער? איר גלויבט אין גליק? ווייל איך יאָ. דאָס איז געווען א היגער שערער, וועלכער האָט מיך געקענט נאָך פון פאַר דער מלחמה, שולבערג האָט ער געהייסן, און איצט איז ער געווען אין פוילישן מיליטער.

אָבער צוליב דעם איז געקומען די פרייהייט איך זאָל דאַרפן אַנטלויפן פון מיין היים-שטאָט? ביין, האָב איך מיר געזאָגט. דו, הערש פנחס — קער זיך אום צו דיין שטאָט, צו די באַקאַנטע, און הייב אָן עפּעס צו טאָן. מע דאַרף אָנהייבן לעבן. איך קער זיך אום אַהיים, דאָס איז געווען אָנהייב יאַנואַר 1945, און איך פרעג זיך נאָך אויף דעם קסיאָנדז טשינסקי.

— דער קסיאָנדז איז נישטאָ.

— וואָס הייסט — ער איז נישטאָ? און ווו האָט ער זיך אַהינגעטאָן?

— אַרעסטירט.

— פאַר וואָס?

— ער איז געווען אַ פאַשיסט.

— וואָס פאַר אַ פאַשיסט איז ער געווען?

— דאָס ווייס איך נישט.

— אָבער איך ווייס, אַז ער איז נישט געווען. ער האָט מיך, א יידן, אָפּגעראַטעוועט.

— טאָ גיי אין או. בע. און זאָג עס.

— זאָלסט וויסן, אַז איך וועל גיין. ווער איז דאָרט?

— דער מאַיאָר מאַליק.

— איך קען אים נישט.

— ווייל ער איז נישט קיין היגער. גיי און שמועס זיך אַדורך מיט אים.

— זאָלסט וויסן, אַז איך וועל זיך מיט אים אַדורכ־שמועסן. און וואָס לאַכסטו?

— ווייל אַז דו וועסט אַריינגיין, וועסטו שוין נישט אַרויסגיין.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער איז שוין אַזעלכער.

— איך פאַרשטיי נישט.

— שולדיק, צי נישט שולדיק, אָבער הינטערן שלאָס איז זיכערער.

— דאָס זאָגסטו אַזוי?

— ניין, דאָס זאָגט ער אַזוי.

— און איך וועל גיין, וועסט זען, אַז איך וועל גיין.

און איך בין אַוועק צו דעם דאָזיקן מאַיאָר מאַליק. איר ווייסט נישט, ווער ער איז געוועזן? איר האָט קיינ־מאָל נישט געהערט וועגן מאַיאָר מאַליק, וועלכער איז דאָ מיט עטלעכע יאָר צוריק אָנגעשיקט געוואָרן? פּאַ־ניע. וואָס ער האָט דאָ זיך אָנגעקעמפּט! צי ווייסט איר וויפל אומשולדיקע מענטשן ער האָט דאָ פאַרמאַכט,

אָדער אייגנהעגטיק צעשלאָגן? איך בין אַוועק צו אים, און ער דעליקאַט:

— ביטע, זיצט, בירגער, מיט וואָס קען איך אייך דינען?

— איך בין געקומען אין דעם ענין פון קסיאָנדז טשינסקי.

— איר זענט, דאַכט זיך, בירגער, נישט קיין קאַטאָליק?

— ס׳איז זייער שווער צו טרעפן, אַז מ׳האָט אַזאַ נאָז!

— אויב אַזוי, ווי קומט איר, בירגער, צו דעם קסיאָנדז?

— נישט איך צום קסיאָנדז, נאָר דער קסיאָנדז צו מיר.

— וואָס באַטייט דאָס? — פרעגט מאַליק און קוקט ווי אַ וואָלף.

— דאָס באַטייט, אַז אין דער צייט פון דער אָקו־פּאַציע האָט ער מיר דאָס לעבן געראַטעוועט און גע־האָלפן.

— וויפל האָט איר בירגער, באַקומען? — פרעגט ווייטער מאַליק.

— וואָס הייסט דאָס? וויפל איך האָב באַקומען?

— איר פאַרשטייט נישט, בירגער? איך פרעג וויפל האָט איר באַקומען פאַר אַזאַ עדות זאָגן. דערנאָך וועט איר נאָך, בירגער, זאָגן פון וועמען איר האָט באַקומען.

— איך האָב פון קיינעם גאָרנישט נישט באַקו־מען. איך זאָג דעם אמת.

— מיר וועלן זיך איבערצייגן. ווי הייסט איר, בירגער?

איך האָב אים אָנגעגעבן מיין נאָמען און פאַמיליע, און ער איז אַרויסגעגאַנגען און זיך אומגעקערט אין אַ שעה אַרום.

— דער קסיאָנדז טשינסקי זאָגט, אַז ער קען נישט אַזאַ הערש פנחס.

— דער קסיאָנדז זאָגט אמת.

— אָבער איר זאָגט דאָך, בירגער, אַז דער קסיאָנדז האָט אייך דאָס לעבן אָפּגעראַטעוועט.

— איך זאָג אמת, דער קסיאָנדז האָט נישט גע־קענט, נישט מיין נאָמען, נישט מיין פאַמיליע. דאָס איז אים נישט אָנגעגאַנגען.

— איר וועט בירגער, טראָגן אַלע קאָנסעקווענצן פון אייער טאַט.

— מיין גאַנצע משפחה איז געוואָרן אויסגעמאָר־דעט. איך קען טראָגן אַלע קאָנסעקווענצן.

— איר שפּילט, בירגער, אַ העלד. צי האָט איר אַלץ דורכגעטראַכט?

— ווען אַ מענטש זאָל נישט וועלן טראַכטן, נאָר סתם אַזוי זאָגן עדות, וואָלט געווען זייער שלעכט.

— וואָס מיינט איר דערמיט, בירגער?

— אַז אַ מענטש טראַכט נישט — צי דאָס זאָל זיין אַן עדות־זאָגן, צי אַ טאַט — וועט זיך עס אויף אים שלעכט אָפּרופן.

— אויף וועמען „אויף אים"?

— נו, אויף דעם, וואָס טראַכט נישט.

— איר רעדט וועגן זיך, בירגער?

— וועגן זיך וואָלט איך אויך געקענט זאָגן דאָס זעלבע.

— איז גוט.

— און ווען וועט איר, בירגער מאַיאָר, באַפרייען דעם קסיאָנדז?

— דער בירגער פאַרגעסט ווער וועמען שטעלט דאָ פראַגן.

דעם 17־טן יאַנואַר איז וואַרשע געוואָרן באַפרייט. דער מאַיאָר מאַליק איז אַוועק פון אונדז, און דעם קסיאָנדז טשינסקי האָט מען באַפרייט. איך האָב זיך גלייך וועגן דעם דערוווּסט, און געוווּען איז עס אַזוי.

איך זיץ מיר אַזוי אין שטוב און — וואָס טו איך? איר וועט נישט טרעפן. איך פאַרריכט מיין אויוון. איך לייג ווידער אויס די לופטן, איך מויער איין דעם אויפ־געריסענעם טייל פון פונדאַמענט, איך גיב אַריין אַ ניי־עם רושט און פלוצעם ברענגט מען מיר אַ בריוו. פון וועמען? איר וועט נישט טרעפן. נישט פון קסיאָנדז, פון בירגערמייסטער פון אונדזער שטאָט. און אין דעם בריוו שרייבט מיר דער בירגערמייסטער, אַז הייַנט

פיר אַזייגער נאָכמיטאָג וועט זיין ביי אים דער קסיאָנדז טשינסקי און אַז ער וויל זיך מיט מיר זען.

איך האָב זיך אויף שנעל אָפּגעוואַשן, געביטן דעם אָנצוג און אַוועק. גיי איך מיר אַזוי און טראַכט. וועגן וואָס? וועגן תלמוד און וועגן דעם, אַז מיין גאַנצע משפּחה איז אויסגעמאָרדעט, און וועגן דעם אויוון, און וועגן קסיאָנדז, און וועגן דער באַלעבאָסטע פון דער וווינונג, און וועגן דעם, אַז איך בין אַ נאַשער אויף פיש און קאָך זיי אַליין, און אַז איך וואָלט פאַר דעם קסיאָנדז טשינסקי אַזעלכע פיש אָפּגעקאָכט, וועל־כע קיינער ביי אונדז וואָלט אַזעלכע נישט אָפּגעקאָכט... און איך קום אין ראַטהויז, דאָרט פירט מען מיך אַריין אין אַ זאַל, אין אים געפינען זיך בלויז צוויי מענטשן — דער בירגערמייסטער און דער קסיאָנדז טשינסקי, און ווען איך קום אַריין, שטייען זיי אויף און דער קסיאָנדז הייבט אָן וויינען. און איך הייב אָן וויינען און זע, ווי דער קסיאָנדז וויל צוגיין צו מיר און קען קיין טראָט נישט מאַכן. ענדלעך זאָגט דער קסיאָנדז:

— פּאַניע הערש פּנחס, צי איר וועט זיך נישט באַליידיקן צו צעקושן זיך מיט מיר?

מיר האָבן זיך צעקושט און דעמלט האָט דער קסיאָנדז געזאָגט:

— מען האָט מיך געפרעגט אין תּפיסה, צי איך קען אייך, צי איך האָב געהאָלפן דעם הער הערש פּנ־חס. און איך האָב געזאָגט, אַז איך קען נישט אַזאַ מענטש. זיי האָבן זיך זייער געוווּנדערט. ווי איז דאָס?

הערש פּנחס אַליין האָט דאָך עדות געזאָגט, אַז איר האָט אים געהאָלפן.

דאַן האָב איך געזאָגט צום קסיאָנדז:

— צי האָט דער קסיאָנדז געוווּסט, אַז ער ראַטע־וועט א מענטשן, וועלכער וועט אים אַמאָל אָפּראַטעווען?

פונוואַנען האָב איך געקענט וויסן דערפון? — האָט געענטפערט דער קסיאָנדז. — איך האָב נישט געהאָלפן צוליב באַלוינונג. פאַר אַלץ וועט באַלוינען דער האַר קריסטוס. איך האָב געהאָלפן, ווייל אַזוי האָט מיר דיקטירט מיין געוויסן. איך פריי זיך, וואָס איר האָט איבערגעלעבט.

— צי קען דער קסיאָנדז תלמוד? — האָט איך געפרעגט. — אין תלמוד שטייט געשריבן, אַז דאָס גוטע מוז נישט געטאָן ווערן דורך דעם, ווען מ'האָט גוטס געטאָן. אַלעמאָל וועט זיך שוין יאָווען עמעצער, וואָס וועט פאַר גוטס באַצאָלן מיט גוטס. ווען איך וואָלט נישט איבערגעלעבט, וואָלט שוין עמעץ אַנדערש — נישט באַוווּסט ווו און ווען אָפּגעדאַנקט דעם — קסיאָנדז פאַר דעם גוטן וואָס איז מיר געטאָן געוואָרן. גוטס פאַר גוטס.

— איר האָט זיך אויסגעשטעלט אויף אַ געפאַר, גייענדיק אין מיין ענין צום מאַיאָר מאַליק — האָט געזאָגט דער קסיאָנדז.

— איך בין געגאַנגען, ווייל איך בין געווען גרייט צו שווערן, כדי צו ראַטעווען א מענטשן, וועגן וועלכן איך האָב געוווּסט, אַז ער האָט געראַטעוועט אַנדערע.

אין תלמוד ווערט געזאָגט, אַז כדי צו ראַטעווען אַ מענ־טשן, מעג מען שווערן פאַלש, בפרט, אַז איך האָב גע־זאָלט זאָגן דעם אמת, נישט קיין שום פאַלשקייט.

— אַנטשולדיקט — האָט זיך אַריינגעמישט דער בירגערמייסטער פון אונדזער שטאָט. — מעג מען שווערן פאַלש, כדי צו ראַטעווען אַ מענטשן און אויב דאָס איז, למשל, אַ באַנדיט? — איצט, בעט איך אייך איבער — האָב איך געזאָגט. — איך האָב דאָך גע־זאָגט, אַז מען מעג שווערן פאַלש, כדי צו ראַטעווען אַ מענטשן, אָבער צי איז אַ באַנדיט אַ מענטש? פאַר אַ באַנדיט, פאַר אַ מערדער טאָר מען נישט שווערן נישט פאַלש, נישט אויף אמת.

איר הערט דאָס שטיק? שיין, וואָס?

אַי, אַי, בים, באָם, באָם,

אַי, אַי, בים, באָם, באָם...

וועגן וועמען פרעגט איר? וועגן קסיאָנדז? ווי דען! זייער אָפּט. איך זאָג אייך, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז! וואָס פאַר אַ מענטש! פאַראַן אַזעלכע רבנים, וועל־כע זענען נישט ראוי צו שטיין לעבן אים. קיינער וואָלט אַזוי נישט ריזיקירט, ווי ער. ווען נישט היטלער, וואָלטן אַזעלכע רבנים ווי היינט נישט געווען. איך זאָג אייך.

איך האָב אייך אַ צו לאַנגע מעשה דערציילט, נישט אמת? איז נאָך איין רגעלע, איין מינוט. ווי מיינט איר? אינגיכן דאַרף זיין דעם קסיאָנדזס געבוירן־טאָג, וועלכע פּליטע זאָל איך אים באַשטעלן אין ראַדיאָ. נו,

נו... זאָגט מיר. ווי מיינט איר? באַך, שובערט, שאָפּען? איך ווייס נישט. זאָגט איר, אַז דאָס קען מען באַ־שטעלן אויף דעם קאָנצערט פון וואַנטשן? איך ווייס נאָר נישט, צי עס פּאַסט, אַז אין ראַדיאָ זאָל מען מעלדן אויף גאַנץ פּוילן, און אפשר אויך אויף דער גאַנצער וועלט, אַז די לידער שיקט דעם קסיאָנדז טשינסקין אין טאָג פון זיין געבוירן הערש פּנחס גריצמאַן. ווי מיינט איר? עס פּאַסט?